№ 23 Należytość pocztowa opłacona ryczałtem. • עלפטער יאָהרגאַנג. • פרייז 20 גראָשען. • „CZENSTUCHOWER CAJTUNG".

Bibljoteka Jagiellońska
Kraków
Św. Anny 19

טשענסטאָכאָווער צייטונג

ערשיינט יעדען פרייטאָג.
רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע
ערשטע אַלעע 6. — טעלעפאָן 201.

CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TELEFON 201.

Piątek, dnia 3 czerwc 1932. | ליכט-צינדען 7.32 | פרייטאָג פ' במדבר כ"ח אייר תרצ"ב.

קאָאָפּעראַטיווע האַנדעלס-באַנק נייער מאַרק 4.

זונטאָג, דעם 12 יוני 4 אַ זייגער נאָכמיטאָג קומט פאָר די

יעהרליכע אַלגעמיינע פערזאַמלונג

מיט פאָלגענדען טאָג-אָרדנונג: 1) ערעפנונג און וואַהל פון אַ פּאַרזיצענדען. 2) לעזען דעם פּראָטאָקאָל פון דער לעצטער אַלג. פערזאַמלונג 3) בעריכט פון דער אַדורכגעפיהרטער רעוויזיע דורכ'ן אינספעקטאָר פון אַלג. פערבאַנד אין לעמבערג. 4) בעריכט פון פערוואַלטונג און ראַט פאַר'ן יאהר 1931 און ערטיילען אַבסאָלוטאָריום. 5) צוטיילען דעם ריוח. 6) בודזשעט אויף 1933. 7) ענדערונג פון דער פירמע. 8) ענ-דערן דעם פאַראַגראַף 19 און 27 פון סטאַטוט. 9) ערגענצונגס-וואַהלען צום ראַט און פערוואַלטונג. 10) בעשטימען דעם העכסטען קרעדיט פאַר'ן איינצעלנעם מיטגליעד. די פערוואַלטונג.

לעצטע געזעגנונגס - פאָרשטעלונג צו ביליגע פרייזען

פון ווארש. יודישען דראַמאַטישען טעאַטער קינסטל. אנפ. ד"ר מיכאל ווייכערט

היינט, פרייטאָג, ד. 3 יוני 10 אָוועגד

אויפ'ן פערלאַנג פון פו. בליקום נאָך 1 מאָל אין **טעאַטער קאַמעראַלני**

אזעף

ביהנע-רעפּערטואַז אין 7 בילדער פון א. טאָלסטאָי און פ. שטשעגאָלעוו. אינסצעניז. און רעזשי: מאַרק ארנשטיין.

מיט'ן אַנטייל פון **קלאַרא סעגאַלאָוויטש**, ד. בירנבוים, מ. גארבארזש, פ. וויטאַלין, פ. לוריע, ג. לעמבערגער, י. מאנדעלבליט, י. מאנסדאָרף, ה. פאָזנאַנסקי, ש. קאַן, י. קורלענדער.

אדמ. לייטער: א. גאַריעלאָוו. בילעטען אין דרוק. פון ה' באַטשאַן, פון 7 אווענד אין טעאַטער-קאַסע

לארושי ידידנו מר **שיקה קליין** את בחירת נפשו **העלא קאָטליצקא**
אהולינו הלבביים. יהא רעוא שזווגם יעלה יפה.
ישראל פּומרניץ ורעיתו.

ערקלערונג.

איך ערקלער עפענטליך, אַז איך זאָג זיך אָב פון מיין אַמט אַלס וויצע-פרעזעס אין דער חברה „מלבוש ערומים".

יהושיע שלינגבוים.

צו פערדינגען

אַ פּראָנט-וואוינונג פון 4 שטובען מיט אַ קוך אין נייעם מאַרק 6.

ערקינדיגען ביי האָלאַנד.

געלעגענהייטליך אָפּצוגעבען

אַ שעהן געוועלב מיט איינריכטונגען

ווי אויך אַ נעבען - צימער מיט אַ ספעציעלען איינ-גאַנג אין דער אַלעע.

ערקינדיגען זיך אין רעדאַקציע.

אַ האַרציגען דאַנק

די אַלע, וואָס האָבען אַנטייל גענומען אין דער בלימעל-זאַמלונג פאַר „מלביש ערומים" דעם 30-טען פ. ח. אַ בעזונדערן דאַנק דעם ה' לייזער ברוין פאַר זיין טיכטיגע אַרבייט.

ריינע הכנסה איז געבליבען 186.61 זל.

די פערוואַלטונג פון „מלביש ערומים".

Do sprzedania Maszyna do pisania „Remington" i ROWER mało używany. DO WYDZIERŻAWIENIA Sad owocowy i mydlarnia na większą lub mniejszą produkcję. Wiad.: Wieluńska 11, skład apteczny

---

אכטונג האַנדווערקער!

פון 1-טען מאַי האָט דער האַנדווערקער-פער-באַנד אנגאַזשירט אַ סעקרעטאר אין דער פערזאָן פון ה' זאָרסקי, מאַג. פראוו.

אַלע אַמטליכע ענינים ערלעדיגט דער סעק-רעטאַריאַט פאַר איהרע מיטגלידער אומזאָנסט.

די פערוו. פון יוד. האַנדוו.-פערבאַנד.

Właśnie w złych czasach-

kiedy każdy grosz jest drogi, tem mniej należy kupować lichotę. „Taniość" odbija się zawsze na jakości towaru, albowiem koszty produkcji, robocizna i t. p. są jednakowe tak przy dobrych, jak przy lichych towarach. Przezorne gospodynie domu nie kupują nigdy mydła „taniego" — podrzędnego gatunku, bo dla „oszczędności" 30 groszy na kilogramie, nie chcą się narazić na szkodę 30 złotych przez zniszczenie delikatnej tkaniny. Lepiej kupić 100 gramów mniej, ale tego prawdziwego, wybornego mydła „Kołłontay". — i to z „pralką", bo ono jest nietylko o wiele wydajniejsze, ale też czyściejsze, aromatyczne i zawiera glicerynę — jest ono zatem o wiele więcej warte, niż kosztuje.

mydło z pralką
Kołłontay
jest lepsze.......
z pralką
184

Złoty medal na wystawie w Katowicach 1927 r.
Przedstawiciel na Okręg Częstochowski:
I. Lewkowicz, Częstochowa, Narutowicza 19.

Gimnazjum
Tow Żydowskich Szkół Srednich

w Częstochowie, Dąbrowskiego 7. Tel. 158.

z prawami szkół państwowych
zawiadamia,

egzaminy wstępne do klas od I—VII
odbędą się
w niedzielę 19 czerwca r. b. o godz. 8 rano.
a do klas wstępnych systemem lekcyjnym od 6-go czerwca począwszy.

Zgłoszenia przyjmuje kancelarja.
Przy zgłoszeniu należy przedłożyć metrykę urodzenia.

Niniejszem podaje się do wiadomości terminatorkom-uczeni com, iż zapisy do

Szkoły Dokształcającej Zawodowej

przy Związku Rzemieślników odbędą się od 1 do 15 czerwca rb w kancelarji szkoły, Narutowicza 16 codziennie od 7—9 wiecz.

דערמיט ווערט בעקאַנט געמאַכט די שילערינס—לערן-מיידלעך, אַז די איינ-שרייבונגען אין דער

פאַך-דערגענצונגס-שולע

ביים האַנדווערקער-פעראיין קומען פאַר פון 1-טען ביז'ן 15 יוני ד. י. אין דער קאַנצעלאַריע פון דער שולע, נארוטאָ-וויטשא 16 טעגליך פון 7 ביז 9 אווענד

דעם טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזער ליבע שוועסטער און שוועגערין צום פריהצייטיגען טויט פון זייער גוטען און געטרייען מאַן און פאָטער

משה שאיא נ"ע

ווי אויך אונזער פ אָ ט ע ר צום פערלוסט פון זיין איידעם. זייט געטרייסט.

מעלבורן (אויסטראַליע). **דניאל ליסעק** און פרוי, **דוד ליסעק** און פרוי

פּיינשמעקער, וועלכע ווילען האָבען דעם אמת'ן טעם, טרינקען טעע נאָר פון דער בעוואוסטער פירמע

INDIA BEST TEA LONDON

וואָס פערמאָגט דעם בעסטען אַראָמאַט.

עס איז אויך צו בעקומען אין פערטיל און האַלבע קילאָ - פערפאַקונגען.

בעשטעלונגען נעמט אָן: **מ. רוזשעוויטש** (ראַווערען-סקלאַד) **יאַסעלעוויטשא 6,**
י. קאַטשיינער, ווארשאווער 23.

פאַר קאַסע און אויף ראַטען. לייגט אַכט אויף דער פירמע INDIA

די פערוואַלטונג פון „בית לחם"

דריקט דערמיט אויס איהר טיעפסטען מיטגעפיהל דעם וויצע-פרעזעס ה' **שלמה בזשעזשינסקי** און זיין פאַמיליע צוליעב'ן טויט פון זיין פרוי

גיטל ז"ל

המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

דעם טיעפסטען מיטגעפיהל דריק איך אויס מיין פריינד **שלמה בזשעזשינסקי** צוליעב'ן טויט פון זיין ליעבע פרוי

גיטל נ"ע

המקום ינחם אותו בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

שלמה זלמן ראַמאַן.

Biuro Próśb, Windykacji i Porad Prawnych

„PORADA"

Częstochowa, ul. Panny Marji № 35. (Aleja)

אַכטונג ווירטסלייט!

פון 1 יוני 1932 י. עפנען מיר אַ ספּעציעלע אָפּטיילונג

פאַר הויז = אדמיניסטראַציע,

וועלכע ווערט אָנגעפיהרט דורך אַ רוטינירטען אדמיניסטראַטאָר.

מיר דריקען אויס אונזער איניגסטען דאַנק דער פערוואַלטונג פון „בית לחם" מיט'ן עהרען-פרעזעס ה' סויקאַ די מתפללים פון דער ח' „סומך נופלים", די גבאים פון דער שטאָדט-שוהל, די חברה „אהבת תורה", מיט הרב המו"ץ ר' בנימין רובין און אַלע וואָס האָבען אָבגעגעבען דעם לעצטען כבוד אונזער הייס-געליבטע פרוי און מוטער

גיטל נ"ע פון דערהיים בזשעזשינסקא (גוטשע) בזשעזשינסקא

די אין טיעפען טרויער פערבליבענע

מאַן און קינדער.

אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס דער פאַמיליע **בזשעזשינסקי** צום טויט פון זייער ליבע פרוי און מוטער

גיטל נ"ע

זייט-געטרייסט! **ישראל פּאָמעראַנץ** און פרוי

נאטיצן.

עס איז געוויס א אונדאנקבארע טע-מא צו רעדען וועגען אונזער קהלה, וואס שטעהט נאך אלס ווייטער אויפ'ן טויטען פונקט, און נאך די לעצטענס פארגעקומענע פרעזידיום-וואהלען זע-נען מיר אלס נאכנישט געגאנגען קיין שריט פאראויס, און מיר ווייסען נישט וואו מען האלט אין דער וועלט, אבער צוקוקענדיג זיך צום לעבען און דער טעטיגקייט אין אנדערע יודישע קהלות, מוז זיך מיט געוואלד ארויסרייסען די פראגע: פארוואס זענען מיר אזוי זינ-דיג און פארוואס איז עפיס גראד אויף אונז אזא קללה אויסגעגאסען, אין דער צייט ווען אנדערע קהלות האבען זיך פארט ווי עס איז ארגאניזירט און זענען טעטיג.

אזוי, למשל, ווערט מיטגעטיילט אין דער פרעסע אז די ווארשאווער קהלה וועלכע ווערט געפיהרט דורך דער אגודה'שער מעהרהייט זאל אנגאזשירען נייע 35 רבנים, ווען מיר זאלען אפילו אננעמען אז די צאהל 35 איז איבער-טריבען איז דאך שוין דאס אליין וואס א קהלה קען זיך דערלויבען אין די היינטינע שווערע צייטען צו אנגאזשי-רען א געוויסע צאהל נייע בעאמטע (וועלכע נעמען אגב נישט קיין קליינע פענסיעס), א בעווייז אז די קהלה האט דעם נויטיגען צופלוס פון הכנסות און קען זיך דערלויבען אויף אזא געוואג-טען שריט.

אמת, די ווארשאווער קהלה פיהרט אדורך א רעדוקציע צווישען איהרע בעאמטע, עס איז דאך אבער בעוואוסט אז די רעדוקציע וועט נישט ארייג-ברענגען אפילו די העלפט וואס עס וועלען אבקאסטען די נייע רבנים.

אין לאדז געהט די קהלה נאך פיעל ווייטער, לויט ווי מיר לעזען אין דער לאדזער פרעסע האט די קהלה צונויפ-געשטעלט א ספעציעלען צוגאב-עטאט וועלכער איז בעשטימט אויף הילף און אונטערשטיצונג פאר די קריזיס געלי-טענע יודען, און דער דאזיגער צוגאב-עטאט איז דורך דער אויפזיכטס-מאכט שוין בעשטעטיגט, דאס קען דאכט זיך דינען אלס גענינענדער בעווייז אז דער נארמאלער עטאט פליסט איין אדער ער איז שוין איינגעפלאסען, ווארום אנ-דערש וואלט מען דאך נישט געמאכט קיין צוגאבען.

און לעזענדיג די לעצטע בעשלוסען פון דער לאדזער קהלה ווערט א טשענ-סטאכאווער יוד פשוט ערשטוינט נישט פון דעם וואס ס'איז למשל בעשלאסען גע-ווארען אויפצושטעלען א ניי שחט-הויז וואס וועט געוויס אנקאסטען א בעדיי-טענדע סומע, ווי פון דעם בעשלוס וואס די פערוואלטונג האט אנגענומען אז פון די עטאט-צאהלער וועלכע ווע-לען נישט אריינטראגען דעם עטאט אין טערמין, זאל גענומען ווערען 1 פראצ. א חודש צושלאג — אזוי ווי עס פיהרט זיך דער שטייער-אמט, — און אויב מען וויל נישט גלויבען אז די לאדזער קהלה זאל זיך גלאט וועלען מאכען לעכערליך, מוזען דאך מיט אזעלכע בעשלוסען בעווייזען אז דאס קהלה-לעבען פונקציאנירט גאנץ נאר-מאל און טראץ דער שרעקליכער קרי-זיס צייט בעקומט די קהלה איהרע הכנסות און פיהרט א געגוג נארמאלע טעטיגקייט.

און וואס איז ביי אונז אין טשענ-סטאכאוו ?

וועט ביי אונז אויך קומען אויפ'ן גע-דאנק אז אנשטאט א הילפס-קאמיטעט פאר קריזיס געליטענע וועלכער זאל ארומגעהן שאפען דעקלאראציעס זאל מען מאכען א צוגאב - עטאט צו דעם צוועק? און צי וועט קענען קומען א טשענסטאכאווער דאזאר און פראיעק-טירען אז פון די וואס צאהלען נישט קיין עטאט אין טערמין זאל מען נע-מען צוגאב צינזען ?

דאכט זיך אז אונזער קהלה געפונט זיך אין אזא מצב אז עס קען פון אזעלכע „רעפארמען“ כלל נישט חלומ'ן, זאגאר נאכדעם ווי מען געהט אדורכ-פיהרען א בעאמטען-רעדוקציע.

און עס פרעגט זיך פארט: ווי לאנג קען אזא מצב דויערען, און וואס קען פון דעם ווערען?

י. פ.

די וואך.

אין דייטשלאנד.

די לאגע אין דייטשלאנד ווערט אלץ וואס אמאל מעהר פערוויקעלט און נישט קלאר, די דימיסיע פון דער רעגירונג מיט'ן קאנצלער ברינינג האט אין דער אויסערליכער פאליטישער וועלט ארויס-גערופען א זעהר געדריקטע שטימונג, ווייל דאס איז א בעווייז אז דער איינ-פלוס פון די היטלעריסטען וואקסט מיט יעדען טאג. די מיסיע צו שאפען א נייע רעגירונג איז איבערגעבען געווא-רען דעם דעפ. פון צענטר פאן פאפען, וועלכער איז בעקאנט מיט זיינע ארויס-טרעטונגען געגען די לינקע און דאס האט ארויסגערופען אונרוה אין דער פאליטישער וועלט.

יאפאן—רוסלאנד.

די בעציהונגען צווישען יאפאן און סאוויעט-רוסלאנד ווערען פון טאג צו טאג מעהר אנגעשטרענגט און מ'הערט נישט אויף צו רעדען וועגען א נאהנ-טען מלחמה-אויסברוך צווישען די ביי-דע לענדער. עס איז אויך פערהאנען א ידיעה וועגען א דייטש-רוסישען מי-ליטערישען אבמאך, לויט וועלכען רוס-לאנד וועט מיט דער הילף פון דייטשע אינסטרוקטארען אויסארבייטען געוועהר און אלע קריגס-מכשירים פאר דייטש-לאנד און די מאשינען צו דעם וועט דייטשלאנד ליפערען קיין רוסלאנד.

עסטרייך.

דאס דאזיגע קליינע „טל-ומטר מלו-כה'לע“, וועלכע האט נישט קיין עק-זיסטענץ - רעכט און לעבט מיט דער האפנונג אז זי וועט זיך אמאל פער-איינינגען מיט דייטשלאנד, מוז צוליעב דעם מיטהאלטען מיט די אין דייטש-לאנד לעצטענס אקטועלע יודען - פער-פאלגונגען פון די היטלעריסטען. די ווינער האקענקרייצלערישע סטודענטען האבען ווידער איינגעארדענט אונרוהען אויף יודען, און די רעגירענדע ארגא-נען בעציהען זיך נייטראל צו דעם „הו-ליגן“ פון זייער יוגענד. ווען אבער די עקסצעסען האבען שוין אנגענומען א צו-שארפען כאראקטער האט די מאכט געשלאסען די אוניווערזיטעט. צוליעב דעם זענען די היטלעריסטישע סטודענ-טען אוועק אין יודישען קווארטאל און אנגעהויבען מאכען א פאגראם, די יו-דישע יוגענד האט זיך געוועהרט, און דאביי איז א כוליגאן שווער פערוונ-דעט געווארען דורך א יודישען סוחר, וועלכען די פאליציי האט ארעסטירט.

אינדיען.

אויך אין אינדיען שלאגט מען יודען. אין אדען זענען פארגעקומען בלוטיגע געשעהענישען געגען יודען, עס זענען פערהאן 69 שווער-פערוואונדעטע יודען און פיעל יודישע געשעפטען זענען דע-מאלירט געווארען. די ענגלישע רעגי-רונג מאכט פעראנטווארטליך פאר די געשעהענישען דעם וויצע - קעניג פון אינדיען, וועלכער האט אויך שוין מיט דער הילף פון פאליציי בעהערשט די לאגע און 70 מענשען ארעסטירט, אבער די שטימונג צווישען דער יודישער בע-פעלקערונג איז אלץ ווייטער א גע-דריקטע.

אין בעסאראביען.

די לאגע פון יודען אין בעסאראביען איז א שרעקליכע. דער יודישער דע-פוטאט מיכאל לאנדוי איז ארויס מיט אנ'ארטיקעל א. נ. „מיר קענען מעהר נישט אויסהאלטען“, אין וועלכען ער שילדערט אין שוידערליכע פארבען די שרעקליכע בעציהונג פון די מאכט-אר-גאנען צו דער יודישער בעפעלקערונג אין בעסאראביען.

וואס הערט זיך אין פוילען?

א פאליטישער שלום.

פון ווארשא ווערט געמעלדעט, אז עס איז געקומען דער געוו. פרעמיער און קריעגס-מיניסטער גענ. שיקארסקי, וועלכער האט די לעצטע יאהרען פער-בראכט אין פאריז, וואו ער האט גרויס בעקאנטשאפט און איינפלוס אין די פא-ליטישע קרייזען, און מיט זיין קומען קיין ווארשא ציעלט גענ. שיקארסקי צו מאכען שלום צווישען דעם פילסוד-סקי-לאגער און די ענדעקעס, און אלס קאנצעסיע פאר דעם זאגט ער צו אויסצופועל'ן אין פראנקרייך די גע-פלאנטע הלואה פאר פוילען.

א נייער שטייער.

די קאמיסיע צו רעארגאניזירען די ווירטשאפט פון די שטעדט האט אויס-געארבייט א פראיעקט וועגען א אלגע-מיינעם בירגערליכען קאמונאלען שטיי-ער, וועלכער זאל אנגענומען ווערען פון אלע בירגער, וואס האבען נאר א געוויסע יעהרליכע הכנסה - סומע און וועט בעטרעפען א מינימום פון 4 זל. און א מאקסימום פון 1000 זל. א יאהר.

וועגען בעגרעניצען דעם וואלוטע-האנדעל.

עס האבען זיך געהאט פערשפרייט קלאנגען אז די רעגירונג האט בדעה איינצופיהרען געוויסע בעגרענצונגען ביים ארויספיהרען וואלוטעס קיין אויס-לאנד און צו דעם צוועק זאל געשאפען ווערען א אפיציעלע דעוויזען-צענטרא-לע. איצט ווערען די דאזיגע קלאנגען קאטעגאריש אבגעלייקענט און עס ווערט ערקלערט אז פארלויפיג האט די רעגי-רונג נישט בדעה אייגצופיהרען קיין קיין שום וואלוטע-בעגרענצונגען.

רעדוקציע ביי די „גרויסע“.

ווי בעוואוסט האט שטענדיג ארויס-גערופען א פערשטענדליכע פערביטע-רונג דאס וואס די גרעסטע אקציענגע-זעלשאפטען, וועלכע זענען צוליעב דעם הערשענדען קריזיס געוועזען געצווינגען איינצופיהרען רעדוקציעס צווישען זיי-ערע ארבייטער און בעאמטע, האבען קיינמאל נישט אנגעריהרט די פערוואל-טונגס- מיטגלידער און דירעקטארען, וועלכע נעמען לעגענדארע פענסיעס איינער פערדינט מעהר ווי טויזענד אנגעשטעלטע אדער עטליכע טויזענד ארבייטער. איצט ווערט מיטגעטיילט אז אין די נאהנטסטע טעג וועט ערשיינען א דעקרעט פון מלוכה-פרעזידענט, וואס וועט נארמירען די שכירות פון די די-רעקטארען און די מיטגלידער פון ראט און פערוואלטונג פון די אקציען-געזעל-שאפטען. פערשטעהט זיך אז אין די קרייזען פון די גרויס - אינדוסטריעלער האט די דאזיגע ידיעה ארויסגערופען גרויס אונצופרידענהייט.

אומזאץ-שטייער פון די ערשטע פראדוצענטען.

עס איז שוין פיעל גערעדט געווא-רען וועגען דעם אז דאס געזעץ ווע-גען אומזאץ-שטייער זאל געענדערט ווערען אזוי אז דעם דאזיגען שטייער זאלען דארפען צאהלען נאר די ער-שטע פראדוצענטען אדער אימפארטע-רען, וואס אימפארטירען דאס ארטיקעל פון אויסלאנד.

בעזונדער האבען זיך וועגען דעם בעמיהט די סוחרים פון מאנופאקטור-בראנזשע, די אלע בעמיהונגען האבען אבער נישט געבראכט צו קיין פאזיטי-ווען רעזולטאט.

איצט זאל דאס פינאנץ מיניסטער-יום האבען איינגעפיהרט דעם דאזיגען נייעם סיסטעם ביי צוקער און צעמענט און אנהויבענדיג פון 1 יולי זאל פון די ארטיקלען גענומען ווערען דער אומזאץ-שטייער פון די ערשטע פרא-דוצענטען — מעגליך אז דאס איז בלויז א התחלה פאר'ן גאנצען רעפאר-מירען דעם שטייער אין דעם זין.

(10

די ענטלאפענע.

ראמאן פון יודישען לעבען אין דייטשלאנד אין 18-טען יאהר-הונדערט.

פון י. איזאקזאהן.

(פארטזעצונג).

יא, מיר מוזען זיך פערשטענדיגען —האט חנה'לע ווייטער געזאגט—מיר מוזען איינער דעם צווייטען פערשטעהן, כדי מיר זאלען קענען לעבען רוהיג און צופרידען.

נו יא—האט ער קוים ארויסגעשטא-מעלט—שפעטער, דאמאלס וועט מען מע-גען... אבער היינט טאר מען דאך נישט...

חנה'לע האט אויף איהם געקוקט מיט ערשטוינונג נישט פערשטעהענדיג וואס ער מיינט צו זאגען. זי האט איהם געוואלט פרעגען די בעדייטונג פון זיינע ווערטער, אבער אין דעם מא-מענט האט ער זיך אויפגעשטעלט און אנגעהויבען געהן צו דער טיער.

איהר געהט—האט חנה'לע געפרעגט און פון קרענקונג האבען זיך טרעה-רען בעוויזען אין איהרע אויגען.

אודאי, געוויס, מען טאר נישט... אחפור יחיד... האט ער געענטפערט און איז שנעל ארויסגעלאפען פון צימער.

אין קארידאר האט ער זיך געטרא-פען מיט חנה'לעס מוטער, וועלכע איז געשטאנען אונטער דער טיער ווילענ-דיג הערען זייער געשפרעך און זעהענ-דיג ווי ער לויפט ארויס, האט זי איהם געוואלט צוריקהאלטען, ווייל זי האט גערעכענט אז חנה'לע האט איהם בע-ליידיגט, אבער ער איז שנעל ארויס-געלאפען אזוי ווי מען וואלט איהם גע-יאגט.

ווען די מוטער איז אריין אין חנה'-לעס צימער איז זי געלעגען אויפ'ן בעט און ביטער געוויינט.

וואס איז געשעהן חנה'לע?—האט די מוטער דערשראקען געפרעגט.

חנה'לע האט לאנג נישט געענטפערט, זי האט ביטער געוויינט, די מוטער האט זי געקישט און געפרובט צו בע-רוהיגען, האלטענדיג אין איין פרעגען וואס עס איז געשעהן?

דאס איז דאך א אידיאט—האט חנה'לע ענדליך ארויסגעזאגט—איהר האט מיך אומגליקליך געמאכט און זי האט נאך שטארקער אנגעהויבען וויינען.

א לאנגע צייט איז די מוטער גע-זעסען ביי חנה'לען אין צימער, זי האט איהר איבערגעבען ווי זי האט געוואלט רעדען מיט'ן חתן אז ער זאל זיך אנהויבען לערנען שפראכען און וועלטליכע ידיעות און ווי אזוי ער האט אויף איהר געקוקט נישט פער-שטעהענדיג קיין ווארט וואס זי רעדט צו איהם, און ענדליך האט ער געזאגט אז ער טאר נישט מיט איהר רעדען, ער האט זיך אויפגעכאפט און ענטלא-פען.

די מוטער חאט ווירקליך מיטגע-פיהלט דעם צער פון איהר איינציגער טאכטער, און זי האט זיך בעמיהט מיט אלע מעגליכקייטען זי צו בערוהיגען אז ער וועט קלוגער ווערען, און וועט זי פערשטעהן. חנה'לע האט לפנים צו-געשאקעלט מיט'ן קאפ נישט ווילענדיג איהר מוטער פערשאפען קיין קרענקונג, אבער באמת איז זי געבליבען שרעק-ליך ענטוישט און נידערשלאגען.

8.

עס האט זיך אוועקגעשטעלט א וואַ-רימער זומער, אלעס האט אויפגעבליהט און אויפגעלעבט. אויך אין דער ענגער און שמוציגער יודישער געטא, אין פראנקפורט האט מען געקענט בעמער-קען א אויפפרישונג פון דער נאטור, וועלכע האט אייגענטליך אהין נישט דערגרייכט, די זון האט געשיינט און געווארעמט, און די יונגע און עלטערע קינדער זענען ארויס פון זייערע וואוי-נונגען, ווילענדיג געניסען פון דער פרישער זומער-לופט.

חנה'לען האט אבער דער זומער נישט געלאקט, נאר זי איז נאך געוועזען אונצופרידען פון דער לוסטיגקייט און ווארימקייט וואס האט אלץ בעהערשט אין דער צייט, ווען אין איהר הארץ איז געוועזען קאלט און פינסטער.

נאך דער בעגעגעניש וואס זי האט געהאט מיט איהר חתן איז זי אין דער ערשטער צייט געווארען פערצווייפעלט, עס זענען אזוי ווי אויסגערינען איהרע האפנונגען אז זי וועט פון איהם מא-כען א מענש מיט אייראפעאישער ביל-דונג, ער האט זיך איהר פארגעשטעלט ווי א ווילדער מענש, מיט וועלכען עס וועט איהר אונמעגליך זיין צוזאמען צו לעבען.

ר' יעקב משה האט אין אנהויב וועגען דער גאנצער בעגעגעניש צווישען זיין טאכטער מיט איהר חתן נישט גע-וואוסט, ווארום ער האט זיך מיט אזאל-כע „קלייניגקייטען“ נישט פעראינטע-רעסירט, זייענדיג פערנומען מיט זיינע גרויסע געשעפטען, און די פרוי האט איהם נישט געוואלט וועגען דעם דער-צעהלען.

אבער ווען די מוטער האט געזעהן ווי שרעקליך טרויריג און אומעטיג איהר איינציגע טאכטער געהט ארום, ווי שלעכט זי זעהט אויס, און זי האט מורא געהאט אז זי זאל נישט קראנק ווערען, האט זי בעשלאסען איהר אלץ צו דערצעהלען.

אין אנפאנג האט יעקב משה אויס-געלאכט זיך פון אזעלכע נארישקייטען, און עס האט איהם זאגאר פערדראסען אויף זיין טאכטער, וועלכע ער האט געוואלט אויסמוסר'ן פאר איהר פער-שייטקייט, אבער די פרוי האט איהם פון דעם צוריקגעהאלטען, און נאך עט-ליכע געשפרעכען וואס איז צווישען זיי פארגעקומען, האט יעקב משה בעשלא-סען אז ער אליין וועט אוועקגעהן צום רב, און איהם איבערגעבען דעם גאנ-צען צושטאנד פון דער זאך, ער וועט אויך רעדען מיט'ן חתן וועגען דער אנגעלעגענהייט, און ער האט געגלויבט אז עס וועט זיך איהם איינגעבען נאכ-צוקומען זיין טאכטער'ס וואונש.

די מוטער האט דאס איבערגעבען חנה'לען וועלכע איז געווען זעהר צו-פרידען קודם-כל פון דעם וואס איהר שטרענגער פאטער האט אויך א פער-שטענדניס פאר איהרע געפיהלען, און בעזונדער איז זי געווען זיכער אז דער פאטער וועט זיך איינגעבען דאס אדורכ-צופיהרען, און זי האט מיט דער גרע-סטער אונגעדולד געווארט אויף דער צייט, ווען זי זאל קענען מיט איהר חתן וועגען דעם רעדען.

חנה'לע האט ווייטער בעזוכט די קריסטליכע שולע אויסער דער געטא און טראץ דעם וואס זי איז געווען זעהר צושטרייט און צוטראגען האט זי זיך זעהר גוט געלערנט, און גע-מאכט גרויסע פארטשריט, אבער דאביי איז זי נישט ווייניג אויסגעשטאנען פון די קריסטליכע לעהרער פון דער שולע, איבערהויפט פון דעם לעהרער אלפרעד.

זינט דעם אינצידענט וואס איז פאר-געקומען אויף די תנאים צווישען חנה'-לען און דעם לעהרער אלפרעד, האט דער לעצטער זי אנגעהויבען שרעקליך פערפאלגען, און איהר פערביטערן דאס לעבען מיט זיינע שטענדיגע „ליבעס-ערקלערונגען, און וועלכע האבען פאר איהר פערוואנדעלט די שולע אין א גיהנום, פון וועלכען זי האט געוואלט ענטלויפען. (פארטז. קומט).

דאס וועלט - יודענטום אין ציפערן.

15.870.000 יודען איצט אויף דער וועלט, אמעריקא האט איצט 3.400.000 יודען. מעהרהייט יודען לעבט אין גרויסע שטעדט. ניו-יארק אליין האט 1.800.000 יודען.

שטיצענדיג זיך אויף די נייעסטע סטאטיסטישע מאטעריאלען פון יאהר 1931 קען מען זאגען, אז די אלגעמיינע צאהל יודען אויף דער גאנצער וועלט בעטרעפט היינט ארום 15870,000 נפשות און דער דורכשניטליכער צוּוואוקס פון יודען אין די לעצטע 100 יאהר האט בעטראפען בערך 120 טויזענד נפשות א יאהר ביי א מינימים פון 80,000 און א מאקסימום 180,000 נפשות א יאהר.

פון דעם דערמאהנטען סך-הכל פון 15,870,000 יודען וואוינען אין אייראפא ארום 9,837,000 יודען, ד. ה. 61.98 פראצ., אין אמעריקא 4.823.000 ד. ה. 30,39 פראצ., אין אזיען 612,000 ד. ה. 3.86 פראצ., אין אפריקא—472.000 ד. ה. 3.60 פראצ., אין אויסטראליען—27000 ד. ה. 0.17 פראצ.

דער בעדייטענדסטער יודישער קבוץ געפונט זיך אין מיטעל-אייראפא און נעמליך אויף א שטח, וועלכער נעמט אריין פאלגענדע לענדער: פוילען, דאנציג, ליטע, לעטלאנד, עסטרייך, טשעכאסלאוואקיי, אונגארן, רומעניע און א טייל סאוויעט-רוסלאנד (קרים, אוקראינא און ווייס-רוסלאנד). אויפ'ן דאזיגען שטח אליין וואוינען בערך 7639,000 יודען. נאך דעם גרעסטען יודישען קיבוץ קומען: צפון-אמעריקא מיט א יודישע בעפעלקערונג בערך 4570.000 נפשות, מערב און דרום - אייראפא—1675,0[illegible] נפשות, צפון-אייראפא—533000 נפשות, צפון-אפריקא 440,000, ארץ-ישראל און די שכנות'דיגע לענדער — 340,000, דרום-אמעריקא—257,000, קליין צענטראל און צפון-אזיען 232,000. דרום אפריקא—132000 און צום סוף מזרח און דרום-אזיע—30000.

דער גרעסטער יודישער קבוץ, געפונט זיך אין די פאראייניגטע שטאטען, נעמליך בערך 3400,000 נפשות. אויפ'ן צווייטען ארט גייט פוילען מיט א בעפעלקערונג פון איבער 3150,000 און אויפ'ן דריטען ארט סאוויעט-רוסלאנד מיט בערך 2,900,000 יודישע נפשות (2672,000 נפשות זענען געווען לויט דער לעצטער פאלקס-צעהלונג אין 192[illegible]), דארונטער בלויז אין אוקראאינא 1955,0[illegible] נפשות.

אויף די ווייטערדיגע ערטער, לויט דער צאהל יודישע איינוואוינער פאלגענדע מלוכות: רומעניען—920000, דייטשלאנד—592000, אונגארן—485000, טשעכאסלאוואקיי—400000, ענגלאנד—300000, עסטרייך—270000, פראנקרייך—225000, ליטע—170000, האלאנד 160000. אלע אנדערע מלוכות האבען יודישע איינוואוינער ווייניגער ווי צו 100,000. פון די נישט-אייראפעאישע מלוכות האבען בעדייטענדע יודישע קיבוצים: ארגענטינא—115000, ארץ - ישראל—175000, מאראקא—130000, קאנאדע—133000 און אלזשיר 105000.

די קלענסטע צאהל יודען בעזיצען פאלגענדע אייראפעאישע מלוכות: שוועדען—7000, דענעמארק 6500, עסטלאנד 5000, שפאניען—5000, אירלאנד—3800, לוקסעמבורג—1800, נארוועגיען—1500, פארטוגאל—1200, ציפערן—195, מאלטא 35.

פון צווישען די נישט-אייראפעאישע מלוכות, וואס האבען א מינימאלע צאהל יודען, איז כדאי צו פערצייכענען: כינע מיט בערך 13,000 יודישע נפשות, אפגאניסטאן—5000, קובא—3700, טשילי 2200, יאפאן—1000, ווענעצועלא—882, פאראגוויי—400, פערו—300, פארטאריקא—200, קאנגא—187, האאיטי—150, האוואי—78, טאנגאניקא (מזרח - אפריקא) —10.

דעם גרעסטען פראצענט יודען פון אלע לענדער פערמאגט ארץ-ישראל מיט איהר 175-טויזענטדיגען יודישען ישוב, וועלכער מאכט אויס קרוב צו 17 פראצענט פון דער אלגעמיינער א"י-בעפעלקערונג.

דאס צווייטע ארט נאך ארץ-ישראל פערנעמט פוילען, וואו יודען מאכען אויס העכער 10 פראצענט פון דער גאנצער בעפעלקערונג. אויף די ווייטערדיגע ערטער געפונען זיך: ליטע מיט א יודישער בעפעלקערונג, וואס מאכט אויר 7,6 פראצ., אונגארן—5,5 רומעניע—6,05 לעטלאנד—4,94 טערקיי—4,7 עסטרייך—3,8 טשעכאסלאוואקיי—2,7 דאנציג—2,4 האלאנד—2,1 און גריכענלאנד—1,17 פראצענט. אין אלע אנדערע אייראפעאישע מלוכות מאכען אויס יודען ווייניגער ווי 1 פראצ, ווי למשל אין דייטשלאנד—0,9 פראצ., ענגלאנד—0,66 פראנקרייך—0,45 אאזוו.

דאס קלענסטע פראצענט יודען פערמאגען צוליעב בעקאנטע היסטארישע סיבות די 2 פירענעאישע מלוכות: שפאניען—0,019 און פארטוגאל—0,016.

אין סאוויעט-רוסלאנד מאכט אויס די 3-מיליאניגע יודישע בעפעלקערונג (צוליעב דער גרויסקייט פון דער אלגעמיינער בעפעלקערונג) קוים 2 פראצענט, כאטש אין די איינצעלנע טיילען אין דער סאוויעטישער אוניע איז דער פראצענט יודען גארנישט קיין קליינער, ווי למשל אין ווייס-רוסלאנד—8,17 פראצ. אויף דעם קרים האלב-אינזעל—6,5 פראצ. און אויף אוקראאינא—5,43 פראצ. דאס זעלבע לאזט זיך אויך זאגען וועגען דעם צאהלרייכסטען יודישען קיבוץ אין דער וועלט ד. ה. וועגען די פאראייניגטע שטאטען פון אמעריקא, וואו די יודען מאכען אויס נישט מעהר ווי 3,6 פראצ. פון דער אלגעמיינער בעפעלקערונגס-צאהל.

צום סוף נאך איניגע ציפערן וועגען יודען אין די גרויסע שטעדט.

דער גרעסטער יודישער שטאדטישער קיבוץ געפונט זיך אין ניו-יארק, וואו עס לעבען ארום א מיליאן מיט 800 טויזענד יודען, ד. ה. 29,5 פראצענט פון דער גאנצער בעפעלקערונג חוץ ניו-יארק געפונט זיך אין די פאראייניגטע שטאטען נאך 2 גרויסע יודישע שטאדטישע קיבוצים נעמליך, אין טשיקאגא—325 טויזענד און אין פילאדעלפיא—270 טויזענד יודען. אין אייראפא האבען צו פערצייכענען א צאהלרייכע יודישע בעפעלקערונג פאלגענדע גרויסע שטעדט: ווארשא 360 טויזענד יודען, בודאפעשט—240 טויזענד, וויען—220 טויזענד, לאדז—180 טויזענד, מאסקווע—140 טויזענד.

ד"ר דוד קאגאן

צום ספארט-יום-טוב פאר'ן קינד.

ביי קיינעם איז די שטרעבונג צו בעוועגונגען נישט אזוי גרויס ווי ביי קינדער. ליידער פערשטעהן עס אממייסטען די עלטערן נישט און מ'קוקט אויף דעם ווי אויף א צולאזענקייט, וועלכע מ'זעהט מיט כל'ערליי מיטלען צו בעקעמפען. מ'גיט זיך דאביי אפילו נישט אב קיין דין וחשבון, וואס פאר א גרויסען שאדען מ'ברענגט דאדורך דעם וואקסענדען דור. מ'מוז איינמאל פאר אלעמאל זיך קלאר מאכען, אז אויב דעם דערוואקסענעם זאגט דער אינסטינקט א סך, איז ער ביים קינד אלץ און איז אין די יונגסטע יאהרען זיין אויסשליסליכער וועג-ווייזער.

פון דעם שטאנדפונקט דארף מען אויך קוקען אויף אלע שטרעבונגען פון קינדער צו ספארט און אין אלגעמיין בעוועגונגען. און נישט קיין אנדערע ווי די עלטערן זענען עס די, וואס קענען נישט אדער ווילען נישט פערשטעהן, אז ספארט איז פאר קינדער נישט קיין מאדע-זאך נאר א ברענענדע נויטווענדיגקייט וועלכע איז פונקט אזוי וויכטיג ווי א ראציאנעלע דערנעהרונג.

אינ'ם טאג פון ספארט-יום-טוב ווילען מיר ווענדען די אויפמערקזאמקייט פון די עלטערן אויף די פאקטארען, וואס ווירקען שעדליך אויף אונזערע קינדער, סיי אין דער היים, סיי אין שול און וועלכע בלייבען נישט אהן אנ'איינפלוס אויפ'ן געזונד - צושטאנד. גלייכצייטיג ווילען מיר וועקען דעם אינטערעס צו ספארט און גימנאסטיק וועלכע האבען א בעשטימטע געגענווירקונג לגבי די שעדליכע פאקטארען.

די שעדליכקייטען האבען זייער התחלה אין די ערשטע מאנאטען פון לעבען, ווען מ'צווינגט די זויג-קינדער צו פריה זיצען און שטעהן דאן ווען זייערע גלידער זענען דערצו נאך נישט צוגעפאסט.

דאס אלץ דערפיהרט צו אזעלכע פעהלערן, ווי: פלאטפוס, אויסגעקרימטע פוס און קרומע חוט-השדרות. נאכמעהר שעדליכקייטען ווירקען אויף די קינדער אין די שול-יאהרען. און אויב די דאזיגע שעדליכקייטען ווערען נישט געהעריג פערגיטיגט ענטשטעהן דאן ענדערונגען אין דעם קינד'ס אינערליכע ארגאנען, וועלכע זענען גורם קראנקהייטען, אדער זיי שטעלען מיט זיך פאר דעם אנהויב פון א קראנקהייט, וואס לאזט זיך שוין אזוי גרינג נישט אויסהיילען ביים אונטערוואקסען.

די בעסטע איינגעארדענטע שול קאן דא גארנישט העלפען אויב דאס קינד, וועלכעס האט ביז צום שול-יאהר פריי גענאסען פון זון און לופט, מוז טאג-טעגליך לאנג פערברענגען אין פערמאכטע שול-לאקאלען און אטעמען מיט שלעכטע לופט. די שול קאן אויך ווייניג וואס העלפען, אויב דאס קינד פאר וועלכען בעוועגונג און שפיל איז א נויטווענדיגקייט, מוז זיך דערפון אבזאגען און זיצען שעהנ'ווייז אונבעוועגליך און רוהיג אויפ'ן שול-באנק.

ס'איז ווייניג דאריבער צו געבען דעם קינד די מעגליכקייטען צו קאמפענסירען (פערגיטיגען) די געצווינגענע אונבעוועגליכקייט, די שלעכטע לופט, מאנגעל אין זון, דורך פיזישע איבונגען, נור מ'מוז זיי אויך איינגעבען חשק צו די דאזיגע איבונגען, ווייל די קינדער געוואוינען זיך זעהר שנעל אב פון בעוועגונגען און ווערען צוגעוואוינט צו איינגעהויקערטקייט, וואס פערבלייבט עפ"י רוב ביז אין די עלטערע יאהרען.

אט צווישען די אבגעשוואכטע בלאסע, שלעכט-ענטוויקעלטע קינדער קלויבען פיעל קראנקהייטען זייערע קרבנות. די עלטערן פערשטעהן עס אממייסטענס נישט און ווענדען זיך נאך צו דאקטוירים מיט ביטעס צו בעפרייען די שוואכע קינדער פון טורן-איבונגען.

פערשטעהט זיך, אז דאס פערשרייבען א קינד אין א טורן-און ספארט-פעראיין געהער צו די זעלטענהייטען.

זעהר ווייניג עלטערן ווייסען דערפון, אז פיעל קראנקהייטען, ווי: בלוטארימקייט, אסטמא, כראנישע לונגען קאטארען און פיעל אנדערע ווערען געהיילט כמעט און אויסשליסליך דורך ראציאנעלע גימנאסטיק און ספארט.

פאר דער פיזישער ענטוויקלונג פון קינד זענען פעראנטווארטליך די היים און די שול.

נישט אלעמאל קאנען זיי צוליעב פערשידענע שוועריקייטען ערפילען זייער אויפגאבע און דעריבער דארף דער היים און די שול קומען צו הילף די טורן-און ספארט-פעראיינען, וואס דארפען געבען די שולען די נויטיגע אנווייזונגען און שאפען בעדינגונגען פאר דער פיזישער ענטוויקלונג פאר דער יוגענד אין שול.

די יוגענד, וואס געפונט זיך אויסער דער שול מוז אונבעדינגט אריינטרעטען אין די ספארט און טורן - פעראיינען, ווייל נאר די פעראיינען בעזיצען קוואליפיצירטע אינסטרוקטארען, געפונען זיך אונטער דער מעדיצינישער השגחה וואס גאראנטירען צוזאמען די ריכטיגע אנווענדונג פון גימנאסטיק און ספארט לויט'ן עלטער, ענטוויקלונג און כח.

דער קאמף געגען נישט-עהרליכער קאנקורענץ.

אויף דער קאנפערענץ פון סוחרים, וואס איז פארגעקומען די פערגאנגענע וואך אין זאל פון די פייערלעשער מיט דער בעטייליגונג פון די דעלעגאטען פון דער סאסנאוויצער האנדעלס-קאמער איז אויך בעריהרט און זעהר ברייט דיסקוטירט געווארען די פראגע פון נישט-עהרליכער און נישט-עטישער קאנקורענץ.

דער פארשטעהער פון דער האנדעלס-קאמער ה' הענריק קוויאטעק האט גאנץ אויפריכטיג בעטאנט, דאס „אין דעם ספעציפישען קריזיס אין פוילען טראגען מיר אויך א היבש ביסעל שולד" און מיט א ביטערען אמת דארפען מיר טאקי די דאזיגע אביעקטיווע ערקלערונג אויפנעמען.

אויב דער „קריזיס" איז א געפעהרליכע קראנקהייט מיט א ריזיגער צאהל מיקראבען און אנשטאט צו געפונען די געהעריגע דעזינפעקציע-מיטלען האבען מיר נאך זעלבסט בייגעטראגען אין דער דאזיגער קראנקהייט דעם געפעהרליכסטען פאראזיט וואס רופט זיך נישט אנדערש נאר „נישט-עהרליכע און נישט-עטישע קאנקורענץ".

די וויסענשאפטליכע עקאנאמיע בעגרינדעט די קאנסעקווענצען פון דער דאזיגער אייגענארטיגער „קאנקורענץ" אין איהר נעגאטיווען איינפלוס אויף דער פאלקס-ווירטשאפט.

איך וויל דא ציטירען געוויסע פונקטען פון א בוך, וואס רופט זיך „פרינציפען פון דער געזעלשאפטליכער עקאנאמיע" (פון ד"ר קאזשימיעזש סאנעצקי און ד"ר פראנצישעק טאמאנעק).

1) דעפרעסיע אדער דאס פערהונגערן פון גלייכגעוויכט צווישען די פראדוקציע און קאנסומפציע, וועלכע

וואס געהערט, וואס געזעהן.

זוכט נישט קיין וויכטיגע געשעהענישען אין מיין היינטיגען „וואס געהערט, וואס געזעהן", עס איז א אוגערקע-סעזאן און איך מוז מיט אנשטרענגונג אויסזוכען „עפיס", וואס זאל אויספולען מיינע שורות...

איש את רעהו חיים בלעו...

זאגט דער פרק, ווען מענשען וואלטען נישט מורא געהאט פאר'ן מלכות, וואלט איינער דעם צווייטען לעבעדיגערהייד איינגעשלינגען.

וואס זאגט איהר, רבותי, צו דעם דאזיגען פסוק? דאכט זיך, אז היינט האבען נאך מענשען אויך מורא פאר'ן מלכות. עס זענען דא געריכטען וועלכע בעשטראפען פאר יעדער עולה, וואס איין מענש בעגעהט געגען אנדערן. ביי אונז אין פוילען זענען זאגאר פערהאן שטאנד-געריכטען, וואס בעשטראפען זעהר הארב באנדיטען און אנדערע מענשען-פרעסער און פונדעסטוועגען פרעסען מענשען איינער דעם אנדערן און עס איז נישטא קיין ערדיש געריכט, וואס זאל זיי משפט'ן.

גרויליגע מעשות הער איך זיך אן טאג-טעגליך פון מענשען, וועלכע דערצעהלען ווי אזוי איין מענש שלינגט איין דעם אנדערן, אקוראט ווי די ווילדע חיות אין וואלד, אזוי טשאטשעווען די מענשען, גאט'ס העכסטע בריאים איינער אויפ'ן אנדערן און ווען ער האט נאר די קלענסטע מעגליכקייט שלינגט ער איהם איין לעבעדיגערהייט.

אין סקארב וועט איהר געפונען הונדערטער בריעף, ווי מענשען אנגעזעהענע שיקען מסירות-בריעף אויף זייערע קאנקורענטען, אז יענע ווערען גליקליך פון די געשעפטען און זיי בעהאלטען עס אויס פון מלוכה-אוצר. אנדערע ווידער מאכען זיך פאר אייך די בעסטע גוטע פריינד און מיט אייך רעדט מען מיט א זיס שמייכעלע אויף די ליפען און היינטערוויילעכץ האלט ער א מעסער און ביי דער ערשטער געלעגענהייט שטעכט ער עס אייך אריין.

שוידערליך, עקעלהאפט איז דאס לעבען וואס מיר רופען עס אן געזעלשאפטליך און מענשליך.

אונזערע תנאים האבען דאס פאראויסגעזעהען און האבען בעשאפען דעם אויבענדערמאנטען פסוק, זיי האבען אודאי נישט געמיינט דאס ערדישע מלכות, אבער פונדעסטוועגען האבען זיי געפונען א מיטעל, וואס זאל דורך דעם מלכות נישט בעשטראפט ווערען און דאך שלינגען זיי איין אונבעשטראפטערהייד איינער דעם אנדערן.

פערענטפערט די קשיא.

ווי איהר ווייסט, בעקלאגען זיך אלע, אז זיי לעבען איבער א קריזיס, די געשעפטען געהען אונטער און פון טאג צו טאג ווערט ערגער און ערגער.

צווישען די, וועלכע בעקלאגען זיך אויף שלעכטע צייטען זענען אויך די צייטונגס-ארויסגעבער. נעמט למשל אזא וועלט-צייטונג ווי עס איז דער „היינט" קומט שוין פאר עטליכע וואכען א שטרייק און אויך מסתמא צוליעב די שלעכטע געשעפטען.

וועט איהר דאך פרעגען אויב עס איז אזוי, טא פארוואס ווערען בעשאפען אלץ נייע צייטונגען, נאר עס איז נישט קיין קשיא, ווער קען וויסען די טיעפע סודות פון די רעדאקטארען, וואס זיי לאקט ארויסצוגעבען א צייטונג. א סך טהוען עס, כדי מען זאל איהם רופען „פאניע רעדאקטאזשע", די צווייטע, אז זיי זאלען האבען פריי אין קינא, א דריטער, אז ער זאל קענען האלטען אין דער מורא מענשען, וואס וואלטען איהם געקענט אין אנ'אנדערן פאל אויפווייזען זיינע שעהנע מעשים, א פיערטער טהוט להכעיס, אויב יענער גיט ארויס א צייטונג, וויל איך אויך ארויסגעבען, פארוואס זאל א צייטונג זיין ערגער פון א בשמים קרעמיל. נישט דאס בין איך אויסען...

אבער א פאקט איז, אז צייטונגען זענען היינט נישט קיין וואזשנע סחורה ווארום א צייטונג האלט זיך אויס פון אנאנסען און אזוי ווי די געשעפטען ליגען אין דר'ערד, איז ממילא נישטא קיין אנאנסען, זענען די אנאנסען געבער נעווארען קלוגער און אנשטאט צו רעקלאמירען זיך אין דער צייטונג גיבען זיי ארויס „אייגענע צייטונגען" און אויף די ווענד פון דער שטאדט קענט איהר טרעפען פאלגענדע מודעות: „פרייטאג האב איך פערלוירען אויפ'ן נייעם מארק א לאטש, בעט איך עס אבצוברענגען אויף דער און דער גאס". א דאמע הענגט ארויס א בעקאנטמאכונג „אז איהר הינטעל איז פערלוירען געגאנגען און זי בעט למען השם, אז מען זאל אויף איהר רחמנות האבען און עס אבברענגען געגען האנאראריום".

אזעלכע און עהנליכע מודעות קענט איהר טרעפען טאג-טעגליך ארויסגעהאנגען אויף די ווענד פון דער שטאדט. אויב אזוי איז שוין די קשיא פערענטפערט פארוואס די צייטונגען ליגען אזוי טיעף אין דער אדמה.

אלע צופרידען.

אלע מאל, ווען די יודישע ספארטלער האבען געקעמפט מיט נישט-יודישע, בין איך תמיד געווען אויף דער זייט פון אונזערע און כ'האב געוואלט, אז אונזערע זאלען געווינען.

האבען אבער דעם לעצטען שבת געקעמפט 2 יודישע דרוזשינעס, רער יודישער טורן און ספארט-פעראיין מיט דער יודישער „ווארטא", טא וואס טהוט מען, אויף וועמענס צד שטעלט מען זיך, ווייל קיין ספעציעלער פאטריאט פון איין דרוזשינע בין איך נישט.

בין איך טאקי געווען אין א צווייפעל, צי איך זאל איבערהויפט געהן אויף דעם מעטש, נאר היות ווי עס זענען פארגעקומען 2 מעטשען, האב איך געפונען אנ'אויסוועג. איין מעטש געווינט איין דרוזשינע און דעם צווייטען מעטש—די אנדערע. וכך הוא, אזוי איז טאקי געווען. „קאשיקובקע" האט די „ווארטא" געווינען און „שאטקובקע" דער יוד. טורן און ספארט-פעראיין, אזוי אז איך בין דאנקען גאט ארויס פון דער סכנה און מיר אלע זענען צופרידען.

זיי האבען מורא...

יענע וואך איז דאס געווען, ווען קינדער פון היגען יודישען גימנאזיום זענען געגאנגען אויפ'ן ל"ג בעומר אויספלוג.

איך בין געשטאנען און אנגעקוקט אונזערע יודישע קינדערלעך און געשעפט פון זיי נחת. פלוצים פיהל איך ווי עמיצער נעמט מיך אן ביים אקסעל און טרייסעלט מיך. וואס ווילט איהר—פרעג איך מיך צו דעם בעקאנטען וואס האט מיר געשטערט די אבסערוואציע— אט זעהט, זאגט ער, די קינדער געהען אזוי צושפרייט, נישט אין געהעריגער ארדנונג און די לעהרער בעגלייטען זיי נישט.

איך בין א פאטער פון א קינד — זאגט ווייטער מיין בעקאנטער — און מיך פערדרוסט פארוואס די לעהרער געהען נישט מיט זיי צוזאמען, אזוי ווי עס טהוען למשל די קריסטליכע

שאפט מיט זיך די איבערוועגענדע מאס פון ארבייטער איבער די אויס-פעהלענדע ארבייט.

2) די איבערוועגענדע גרויסע אי-בערפראדוקציע, דאס געגענזייטיגע ארויסשטויסען פון אבזאץ-מארק, דער-פיהרט צו א פעראייניגונג פון גרויסע אונטערנעהמונגען אין פערבאנדען (קאר-טעלען, טרוסטען, רינגען) און די אר-בייטער צו א פעראייניגונג אין ארביי-טער-אוניאנען. די ענטשטעהונג פון די דאזיגע דערפיהרען צו:

3) דער מאנאפאליזירונג פון דער פראדוקציע (די פרוכטען פון דעם טעם האבען זיך שוין אבגערופען ספעציעל אויף דעם יודישען סוחר'טום. בעמ. פון רעד.) און א פולשטענדיגע עראבערונג פון די אבזאץ-מארקען און צוליעב דער בעזייטיגונג פון יעדער קאנקורענץ ענטשטעהט א פרייע פעסט-שטעלונג אדער א העכערונג פון די פרייזען.

4) נישט- עהרליכע קאמפס - מיטלען ווערען וואס אמאל מעהר פערוואנדען, אום נאר ארויסצושטויסען דעם קאנ-קורענט, אין דער ערשטער רייהע דאס פעלשען די סחורה, נאכמאכען מוסטע-רען, שוץ-מארקען, מאדעלען אזוו.

5) די ענטשטעהונג פון קארטעלען איז גורם, אז זיי רעגירען דעספאטיש מיט די פראדוקציע-צווייגען און געווי-נען דעריבער דעם פאקטישען מאנא-פאל...

אלזא ווי מיר זעהען פון די דער-מאנטע ציטירטע פאלגען קען מען צו דעם דאזיגען אנווענדען דאס פאפולער-סטע פאלקס-ווערטיל: „דארט, וואו צוויי קריגען זיך—דארט געווינט דער דרי-טער".

ווער אלזא קאנקורירט צווישען זיך? נישט די גרויסע פאבריקאנטען און סוחרים, נאר די קליינע פאבריקאנטען און סוחרים און די דאזיגע ברענגען אויף זיך דעם אמת'ן ווירטשאפטליכען גלות...

די לעצטע צייטען לאזט זיך טאקי בעמערקען זעהר פיעל פאקטען פון דער אויבענדערמאנטער פלאג, וועלכע נעמט שוין אן אזאלכע ברוטאלע און סקאנדאליעזע פארמען, אזוי אז די גע-זעלשאפט, פרעסע און די מאסגעבענדע פאקטארען טארען דאס מעהר נישט דולדען.

מען מוז נעהמען אין שוץ דעם שוואכען, דען זיאס פעהלען די בע-וואוסטזיניגקייט פון דעם שוואכען קאנ-קורענט ברענגט איהם אין א פערצווייי-פעלטער לאגע און ער שטעהט אומבע-האלפען און ווייסט זאגאר נישט, אז ער האט צו זיין דיספאזיציע א יורי-דישען שוץ-מיטעל, מיט וועלכען ער קען זיך פערטיידיגען געגען דעם אנ-גריף און די נישט-עהרליכקייט אבשטוי-סען מיט דער שטארקסטער רעאקציע.

א בעזונדערע אבהאנדלונג וועגען דעם דאזינען יורידישען שוץ-מיטעל — אין נעכסטען נומער.

ל. ק.

מרדכי קויפמאן.

די ענטוויקלונג פון יודישען טעאטער.

— 5. —

ווי זעהט אויס דאס יודישע טעאטער ביים היינטיגען טאג? בעסער פארמולירט וועט עס הייסען: ווי האבען במשך די זעכציג יאהר עגזיסטענץ ביז'ן היינטי-גען טאג פראגרעסירט די דריי יסודות ווי: מחבר, פובליקום און אקטיאר, אהן וועלכע א טעאטער קאן קיין קיום נישט האבען?

מ ח ב ר : די לעצטע עטליכע יאהר האבען נישט צו פערצייכענען קיין גרוי-סע אקטיוויטעט אויפ'ן טעאטער- גע-ביעט. א חוץ קליינע אויסנאמען הא-בען זיך אויפ'ן ביכער-מארק נישט בע-וויזען אזעלכע דראמאטישע שאפונגען און מייסטערווערק, ווי דאס איז געווען אין די דריטהאלבען צעהנדלינג יאהר פון איצטיגען יאהרהונדערט. די דאזי-גע יאהרען זענען געווען א רייכע שפע פאר'ן בעסערען יודישען רעפערטואר. עס האבען זיך בעוויזען שלום-עליכמ'ס: „צעזייט און צעשפרייט", „טוביה דער מילכיגער", „דאס גרויסע געווינס", „שווער צו זיין א יוד". דוד פינסקי'ס: „יענקל דער שמיד", „אייביגער יוד". קאברינ'ס: „גינא", „דער דארפס-יונג". גארדינ'ס: „שחיטה", „גאט, מענש און טייוועל", „מירעלע אפרת". י. ל. פרץ'ס: „גאלדענע קייט" און אלע זיינע איינ-אקטערס. בימקא'ס „גנבים", בערקא-וויטש'ס: „מאשקע חזיר", הירשביינ'ס „גרינע פעלדער", „נבלה", יושקעוויטש'ס: „סאנקינ'ס גליק", שלום אש'ס: „מאט-קע גנב", „יחוס", „קידוש השם", ש. אנ-סקי'ס: „דבוק", לייוויק'ס: „גולם" — און פיעל, פיעל אנדערע זאכען, וואס האבען מיט זייער ליטעראַרישען ווערט בערייכערט דעם יודישען רעפערטואר.

די לעצטע צייט זעהט זיך נישט די דאזיגע שעפערישקייט און אקטיווי-טעט אויפ'ן דראמאטישען פעלד. צי זאל דאס זיין א בעווייז פון גייסטיגער ארימקייט, אדער דערפאר, ווייל די טעאטער - דירעקטארען דארפען נישט האבען קיין ליטעראַרישע „סחורה?"

פ ו ב ל י ק ו ם : ס'וועט נישט זיין געזינדיגט געגען אמת ווען מען וועט זאגען, אז דאס פובליקום אין זיין גרוי-סער מעהרהייט איז געבליבען ווייטער דער זעלבער „משה" וואס אמאל. אין דעם פונט איז קיין שום אונטערשיד נישט פערהאן צווישען „עמך", דעם יוד פון א גאנץ יאהר און די אזוי-גע-רופענע „אינטעליגענץ" פון די האלב-אסימילירטע קרייזען. פונקט אזוי ווי די אמאליגע בעריהמטע „גאליארקע" האט זיך געקוויקט פון די אקטיארישע שטיק און „אנשטעלען", אזוי צושמעלצט זיך היינט פאר נחת דער בעגרעניצ-טער, קליינבירגערליכער עלעמענט פון די פערשידענע אפערעטקעס, וואס זע-נען פול מיט „געזאנגע און טענצע" און מיט די נארישע אינהאלטסלאזע דיאלאגען. פונקט אזוי ווי די אמאליגע רוסישע אפיצירען האבען געקוואלען אינ'ם יודישען טעאטער פונ'ם „שמענ-דריק" און „וועלוועל עסט קאמפאט"— אזוי צושמעלצט זיך היינט פאר נחת די אזוי - גערופענע „אינטעליגענץ" פון די „עכט-יודישע" טיפען, ווי: א יודי-שער הויקער, אנ'אבגעריסענער כאלא-טשארזש אז"וו.

ווען מען ווייזט זיי א יודישע דרא-מע פון סאציאלען אינהאלט, פוןריי-נער יודישער קונסט, יודישע געשטאל-טען, אזוי ווי זיי זענען אינ'ם לעבען, אין זייער טאג-טעגליכען קאמף—האבען זיי פאר אזעלכעס קיין אינטערעס נישט, די דראמע איז קיין דראמע נישט און די ארטיסטען קיין ארטיסטען נישט. וואס איז דער וואונדער? אין פרט פון קענען דאס יודישע לעבען אין זיין גאנצען פערנעהם, האט אונזער אסימילירטע אינטעליגענץ פונקט אזא אהנונג און בעגריף, ווי דאן די רוסישע אפיצירען.

א ק ט י א ר : דאס יעצטיגע יאהר-הונדערט האט זיך געשטעלט אונטער'ן צייכען כאטש טיילווייז ארויסצושטוי-סען פון אומעטום די פערשידענע אפע-רעטען-שמאטעס און שונד-רעפערטואר און ערציהען די מאסען אינ'ם גייסט פון א בעסער יודיש טעאטער. דער צוגאנג צום טעאטער-פראבלעם איז גע-ווען א גוטער. אזוי איז אין יאהר 1903 געשאפען געווארען אין אדעס די היר-שביין-טרופע מיט פרץ הירשביין און בן-עמי בראש. נאך דער רעוואלוציע איז דורך אברהם לעווינזאן א. אנד. אין כארקאוו געגרינדעט געווארען דאס קינסטלערישע יודישע טעאטער א. נ. „אונזער ווינקעל". אין יאהר 1915 איז געבוירען געווארען די בעריהמטע „ווילנער טרופע" מיט מזאה בראש. אין ווארשא איז דורך דוד הערמאן געשא-פען געווארען די דראמאטישע סטודיע פאר יונגע יודישע טאלאנטען, וועלכע זאל זיין די צוגרייטונג פאר'ן בעסערען טעאטער, ס'איז אויך געגרינדעט גע-ווארען דער „וויקט", וואס האט גע-זאלט זיין דאס סטאבילע דראמאטישע טעאטער, מיט איין ווארט: ס'איז גע-ווען א תקופה פון אויפבליה, שוואונג, אנשטרענגונג און גוטער ווילען.

וואס איז פון דעם אלעם געווארען? די „ווילנער טרופע" איז צושפליטערט געווארען אויף פיער-פינף טרופעלעך, די בעסטע ארטיסטישע כחות זענען זיך צופאהרען איבער דער גארער וועלט און יעדער האט געמאכט שבת פאר זיך. דער „וויקט" איז זיך צופא-לען. פון א שטענדיג דראמאטיש טע-אטער איז גארנישט געווארען און עס האט אומעטום צוריק אויפגעלעבט דער אלטער פערשימעלטער גייסט, וועלכען מען האט גערעכענט פאר פערשוואונ-דען פון דער יודישער גאס.

ביים היינטיגען טאג איז נישט מעהר פערבליבען ווי איין-איינציג דראמאטיש טעאטער, וואס האט געשפילט א סע-זאן אין „עליזעאום" — און אזעלכע בע-גאבטע קינסטלער ווי: אידא קאמינס-קא, זיגמונט טורקאוו, מרים ארלעסקא, א. מארעווסקי, י. ווייסליץ, טרעטען נאר אויף פון צייט צו צייט, בלייבענ-דיג שטענדיג די שטילע, נישט-טומעל-דיגע, איינזאמע מערטירער, וועלכע קאנען זיך נישט צופאסען צו דעם ארו-מיגען הפקר-געזינדעל און עם-הארצים פון דעם גרעסטען טייל טעאטער-מש-פחה.

ווארשא, ווי אויך די פראווינץ, איז ווידער פערפלייצט געווארען פון די פערשידענע אפערעטען - טרופעס, וואס זייער גאנצער „ליטעראַרישער" בא-גאזש בעשטעהט פונ'ם אמעריקאנער עקספארט מיט די אלרייטניקעס, באי'ס און גארישען „העפפי-ענד", פון וואס עס געהט אן א חלשות. נישטא לעצ-טענס קיין איין אריגינעלע פיעסע, אלץ איז גענומען פונ'ם אלטען און פרעמ-דען, מען האט עס איבערגעניצעוועט, מאדערניזירט און פעריודישט. די אר-טיסטען וועלען אייך אלץ טהון, אבי צו געפעלען „משה'ן", אפילו אייך פאר-שטעלען א טיפ פון א יוד, וועלכען א כינעזער טראגט אויף די הענד און ער געהט אנגעהאנגען א פלאש מיט מילך וועמען מען גיט צו טרינקען ווי א קליין קינד...

אז דאס אלץ צוזאמען הייסט גע-שפילט יודיש טעאטער, קען מען עס נאר פון טיעפען הארצען בעדויערען. וואס היינט, ווען מיר האבען שוין א ברייטערען בעגריף וועגען בעסערער קונסט—האט נאך אזא מין שונד א פלאץ אויף דער יודישער גאס.

די לעצטע יאהרען, קען מען דרייסט זאגען, אנשטאט צו רוקען זיך פאר-ווערטס, מאכט מיט דאס יודישע טע-אטער א גרויסע, גרויסע ירידה.

ווען דאס פסולת פון יעדער שטאדט וואלט פון איין זייט זיך נישט אזוי געשארט צום יודישען טעאטער, האל-טענדיג יעדען אקטיאר פאר זייער „נאש בראט"—און ווען די פערשידענע טע-אטער-געזעלשאפטען וואלטען בעשטא-נען גישט פון אזעלכע עלעמענטען, וועלכע האבען מיט דעם יודישען מא-סען - לעבען און מיט דער יודישער שפראך גארנישט צו טהון און מ'וואלט צוגעלאזט די יעניגע ארבייטענדיגע אינטעליגענץ, וואס יודיש און יודישע קולטור איז ביי זיי א רעליקוויע—וואלט צו אזא ירידה פונ'ם יודישען טעאטער ביים היינטיגען טאג נישט געקומען.

אזוי, דוכט זיך, איז עס.

גאל, נירען און בלאז - קראנקע, זאגאר די וואס ליידען פון הארן - זויער און גיכט - אנפאלען רעגולירען די געדערם-פערבעסערונג דורכ'ן געברויך פון בי-טערוואסער FRANCISZKA JÓZEFA

די וויכטיגע שנויים אין נייעם געזעץ וועגען שטעמפעל-אבצאהל.

דעם 18 מאי 1932 איז אריין אין קראפט דאס נייע געזעץ וועגען שטעמ-פעל-אבצאהל, פערפליכטענד פון 1-טען יולי.

דאס נייע געזעץ (דז. או. נ. 32 פאז. 340) ענטהאלט, אויך שנויים פון פרינציפיעלער בעדייטונג. צו די וויכ-טיגסטע שנויים געהערט אהן ספק די העכערונג פון די שטעמפעל - אבצאה-לען.

דאס געזעץ זעהט פאר א פרינצי-פיעלע נארמע פאר שטעמפעל-אבצאהל אין דער הויך פון 5 זל. אנשטאט דעם ביז-יעצטיגען אבצאהל פון 3 זל. פון בקשות, וועלכע ווערען אריינגעטראגען אין די מלוכה'שע אמטען, ווי אויך אין דער זעלבער הויך וועט גענומען ווע-רען שטעמפעל-אבצאהל פון יעדער בע-שטעטיגונג, וואס ווערט דורך די דא-זיגע מלוכה-אמטען ארויסגעגעבען א חוץ פון דער געריכטס-מאכט, פון וועל-כער דער פרייז בלייבט אויף ווייטער 3 זל. עס ווערט געהעכערט דער שטעמפעל - אבצאהל פון געלד-קבלות. אנשטאט די ביז-יעצטיגע 20 גר. וועט דער אבצאהל בעטרעפען 25 גר.

דער טייל פון געזעץ, וועלכער רעדט ארום די הנחות ביים שטעמפעל-אבצאהל ענטהאלט נייע דריי הנחות און דהיינו: עס ווערען בעפרייט פון שטעמפעל-אב-צאהל קוויטונגען, ארויסגעגעבענע דורך איין באנק א צווייטער ביי פערשידענע באנק - אפעראציעס, קוויטונגען, וואס בעשטעטיגען דאס ערהאלטען פון א טשעק, ווי אויך קוויטונגען, אויסגע-שטעלט אין אויסלאנד.

דאס אלטע געזעץ וועגען שטעמפעל-אבצאהל האט פאראויסגעזעהן דעם אבצאהל פאר אנ'ערלויבניש צו פיהרען א קאנצעסיע-אונטערנעהמונג אין דער הויך פון 20 זל., פון איצט אן ווערט דער אפצאהל געהעכערט ביז 40 זל.

דער שטעמפעל-אפצאהל, פאר אפשריפ-טען אדער אויסצוגען פון נאטאריעלע אקטען, אדער פון אקטען, וועלכע געפו-נען זיך אין בעזיץ פון די אמטען, האט בעטראפען ביז איצט 1 זל. פון א זייט. דאס נייע געזעץ פערטאפעלט דעם אפ-צאהל ביז 2 זלאטיס; פאר אויסצוגען אדער קאפיעס, וועלכע ס'בעשטעטיגט דער נאטאריוס, האט זיך ביז איצט גע-פאדערט א שטעמפעל-אפצאהל פון 20 ...

לעהרער מיט זייערע שילער.

טא וואס זאל איך טהון — פרעג איך — איבריגענס, ווייז איך איהם אן אויף די לעהרער, וועלכע געהען מיט אויפ'ן טראטואר. — נישט אויפ'ן טרא-טואר, טענה'ט ווייטער מיין בעקאנ-טער — זיי דארפען זיך נישט שעמען מיט די קינדער, נאר זיי פיהרען, אז זיי זאלען געהן אין די רייהע אזוי, אז עס זאל אויסזעהען בכבוד.

— טא ווער איך שוין א ביסעל בייז, וואס זאל איך טהון, וואס בין איך א דירעקטאר? ניין — זאגט ער — איך וויל, אז איהר זאלט אין דער צייטונג אויפמערקזאם מאכען די לעהרער, אז עס איז נישט אין ארדנונג.

אזוי — זאג איך — אין דעם געהט אייך, האט איהר נישט געטראפען. איך וויל דאס נישט, איך מוז נישט זיין דוקא קהל'ס אננעמער. אדרבה, זייט איהר דער, וואס זאל ארייַנשרייבען א בריעף אין רעדאקציע, מיר וועלען איהם גערן אבדריקען, ווארים אויב איך וועל עס שרייבען, וועלען זיך שוין געפונען אזעלכע לייט, וואס וועלען קו-מען און אויסטייטשען, אז איך האב א כונה דערביי...

איך האב מורא — ענטפערט מיר מיין בעקאנטער — איך בין דער פא-טער פון דעם קינד, זיי קען אויף מיר פערדריסען און דאס וויל איך נישט, אבער איהר זענט א צייטונגס מענש, מוזט איהר רעאגירען אויף יעדער עולה און איך בין אייער שטענדיגער לעזער, מוזט איהר זיך אננעמען פאר מיר.

איהר פערשטעהט די לאגיק. אזעל-כע פאקטען בעגעגען איך אויף שריט און טריט. איהר פערשטעהט, איך מוז, זיי האבען מורא...

זיי זענען ווייטער נישט געקומען.

איך מיין דאס אקעגען די דעקלא-ראנטען פון הילפס-קאמיטעט.

פאר 6 חדשים צוריק האבען א גע-וויסע צאהל כלל-טהוער זיך פערזא-מעלט אין דער קהלה און געגרינדעט א הילפס-קאמיטעט. אויסגעקליבען א עקזעקוטיוו, שפעטער ווידער אויסגע-וועלט א פערטיילונגס-קאמיסיע און די ארבייט האט זיך אנגעהויבען.

מען האט געזאמעלט דעקלאראציעס, אנגאזשירט א געצאהלטען סעקרעטאר מיט א אינקאסענט און מען האט גע-זאמעלט און צוטהיילט נויטבעדערפ-טיגע נצרכים און געוועזענע גבירים.

האבען זיך אבער די 6 חדשים גע-ענדיגט און עס איז פערשטענדליך, אז מען מוז דעם קאמיטעט ווייטער אויפ-האלטען, ווארים, דאכט זיך, אז אין משך פון דער צייט זענען די געשעפ-טען נישט בעסער געווארען, נאר זיך נאך מעהר פערערגערט. מוז מען דאך אבער האבען די הסכמה פון די צאה-לער, האט מען צונויפגערופען איין פערזאמלונג, אויף וועלכער עס זענען געקומען 5 עקזעקוטיוו מיטגלידער און נאך 5 מיטגלידער פון די צאהלער. סך הכל א מנין מענשען. האט מען צונויפגערופען א צווייטע פערזאמלונג און די פרעסע האט געטרומייטערט און מעורר געווען דעם עולם, אז זיי זא-לען קומען אויף דער פערזאמלונג. און ווייטער האט זיך צונויפגעזאמעלט שוין צוזאמען מיט די 5 עקזעקוטיוו מיטגלי-דער, דאסזעלבע מנין און האבען בע-שלאסען מעהר קיין פערזאמלונגען נישט צו רופען, נאר איבערגעבען דעם גאנ-צען ענין דעם עקזעקוטיוו צו בעשלי-סען.

כאראקטעריסטיש איז אבער געווען די דיסקוסיע, וואס איז פארגעקומען אויף דער פערזאמלונג. מען האט גע-וואלט געפונען די מאטיווען פארוואס דער עולם קומט נישט און עס איז ארויסגעזאגט געווארען פערשידענע השערות. מעגליך, אז דער עולם האט אבגעצאהלט די 5 חדשים און מעהר וויל ער נישט צאהלען און מעגליך, אז דעם עולם ליגט איבערהויפט נישט אין זינגען דער גאנצער עסק, און אפשר אויך אזעלכע, וואס האבען נאך אין יענע צייט געהאט די מעגליכקייט צו צאהלען (ווארום די וואס האבען גע-האט די מעגליכקייט האבען זיך קיינ-מאל נישט איבערצאהלט) און היינט האבען זיי אויך נישט צו צאהלען.

סיי ווי איז דער ענין הילפס-קאמי-טעט אוועקגעשטעלט געווארען אויף א טויטען פונקט.

אז עס איז נישטא קיין פרנסה...

די וואך האט גאסטראלירט אין אונ-זער שטאדט, דאס דראמאטישע טעא-טער אין ווארשא.

זייער רעפערטואר איז בעשטאנען פון 2 זעהר הערליכע פיעסען „אזעף" און „פרנסה". און כאראקטעריסטיש איז, אז די ערשטע פיעסע האט נאך ווי עס איז געהאט ערפאלג, דאגעגען די צווייטע איז שוין געווען שוואך בעזוכט.

ווילען מענשען דאס אויסטייטשען אויף אנ'אייגענארטיגען אופן.

„א ז ע ף", דאס איז א אבשפיגלונג פון א פאלשען עקלהאפטען מענשען, וועלכער האט פלומרשט געדינט די רע-וואלוציע, געקעמפט פאר דער בעפריי-אונג פון דער ליידענדער מענשהייט, זיך ארויסגעוויזען פאר א אידעאליסט און אין דערזעלבער צייט האט ער אויף א העסליכען אופן פערראטען זיי-נע חברים.

אט דער „אזעף" איז היינט אויך נאך אקטועל. אויף שריט און טריט בעגעגענט איהר די דאזיגע „אזעפ'ס", וואס אזוי רעדען זיי מיט אייך מיט א זיס חניפה'דיג שמייכעלע און פאקטיש פערראטען זיי אייך אויף שריט און טריט.

„אזעף" דרעהט זיך ארום אין די געזעלשאפטליכע קרייזען און ער איז אומעטום דער אויבען אן. דערפאר טא-קע האט ער געהאט ערפאלג און דער עולם האט איהם געוואלט זעהען אויף דער ביהנע, וואו מען שטעלט איהם פאר אין ריכטיגען געשטאלט. דאגעגען „פרנסה" איז געווען שוואכער בעזוכט, ווייל נישט קוקענדיג וואס „פרנסה" איז א הערליכע קאמעדיע, גלויבט אבער קיינער נישט אין דער רעאלקייט פון פרנסה. ווער חאני דאס היינט פר-נסה? פרנסה איז נישט אקטועל.

פון דאנען נעמט זיך, וואס „אזעף" האט יא געהאט ערפאלג און „פרנסה" איז געווען שוואכער.

א מגול פון בלימעל טעג.

וואלט נור געווען אזוי פיעל גוטע געשעפטען, וויפיעל עס זענען פערהא-נען די אזוי גערופענע בלימעל טעג.

אמאל איז א בלימעל טאג געווען א געשעהעניש און דאס האט מען נאר איינגעארדענט אין א אויסערגעוועהנ-ליכען פאל. לעצטענס איז אבער דאס בלימעל געווארען א וואכענדיגע זאך. ווער ארדענט היינט נישט איין קיין בלימעל טעג.

איך זאג דאס אקעגען דעם, וואס לעצטענס ווערען שוין די בלימעל טעג צו פיעל איינגעארדענט און די געזעל-שאפט וואלט געדארפט האבען די גע-העריגע קאנטראל.

לויתן.

גר. פון איטליכער פערשריבענער זייט. פון איצט אבער בעטרעפט דער אפצאהל 50 גר. מלוכה-אמטען, וועלכע האבען גענומען פאר עהנליכע בעשטעטיגונגען א אבצאהל 50 גר. וועלען לויט'ן נייעם אוסטאוו נעמען א שטעמפעל-אפצאהל פון 1 זלאטי.

ביז איצט, ביים בעשטעטיגען דורך וועלכען עס איז מלוכה-אמט די אייגענהענדיגע אונטערשריפט, איז גענומען געווארען א שטעמפעל-אפצאהל פון 1 זל. דאס נייע געזעץ העכערט דעם אפצאהל ביז 1 זל. 50 גר.

א וויכטיגע און איבעררַאשענדע נייעס זענען די שנוים, וועלכע ווערען איינגעפיהרט אין ארט. 160 פון אלטען געזעץ. לויט'ן דאזיגען געזעץ זענען פריי געווען פון שטעמפעל - אפצאהל בקשות, וועלכע זענען אריינגעטראגען געווארען צו דער מאכט וועגען ערלויבנישען איינצוארדנען עפענטליכע פערוויילונגען אדער קאנצערטען, אויב די די הכנסה איז געווען בעשטימט אויף סאציאלע אדער קולטור-צוועקען. דער נייער געזעץ האט דעם וויכטיגען פונקט 22) אין ארט. 160 אינגאנצען געשטראכען. אויף אזא אופן וועט אויף אזא בקשה, חל זיין דער געוועהנליכער שטעמפעל-אפצאהל, וואס עס קאן זיין א וויכטיגע מניעה ביים איינארדנען אימפרעזעס, וועלכע טראגען א וואוילטעטיגען כאראקטער.

ווי ס'איז צו זעהען פונ'ם קורצען איבערבליק, ענטהאלט דער נייער אוסטאוו א גאנצע רייהע זעהר וויכטיגע שנויים וועלכע פערלאנגען א גענויערע בעהאנדלונג. מיר וועלען זיך דעריבער נאך צו דער דאזיגער פראגע אומקעהרען.

מגר. י. ווארשאווסקי.

ראטעוועט די קליינע קינדערלעך!

מיר האבען שוין דערמאנט, אז צוליעב דעם יעצטיגען קריזיס קומט אן זעהר שווער די פילאנטראפישע אינסטיטוציעס דאס איינארדנען די זומער-קאלאניעס פאר די ארימע יודישע קינדערלעך.

לייכט איז צו זאגען, „אז אויב עס איז נישטא קיין געלד וועט מען קיין קאלאניעס נישט איינארדנען“. אנדערש איז אבער ווען מען קומט אין בעריהרונג מיט'ן לעבען, ווען מען זעהט צעהנדליגער יודישע קינדערלעך וועלכע זענען קראנק, פערהונגערט, אויסגעבלאסט און איינגעדארט און נאר די פרישע לופט און די געהעריגע דערנעהרונג קאן זיי דערהאלטען ביים לעבען, אז זיי זאלען זיך קענען ענטוויקלען און אויסוואקסען אין לעבען אריין.

ווען מען זעהט אט די קינדערלעך און מען האט נאך א פונק פון מענשליכען רחמנות רייסט זיך ארויס פון זיך זעלבסט דער געדאנק אז מען טאר זיי נישט פערלאזען, מען מוז פאר זיי עפיס טהון, מען מוז אזא קאלאניע איינארדנען.

דאס האט אויך פערשטאנען די פערוואלטונג פון דער זומער-קאלאניע ביים „דאבראטשינגאשטש“, וועלכע נעמט אן אלע שריט, אז די זומער-קאלאניע אין אסטראוו זאל איינגעארדענט ווערען.

ווי אזוי ארדענט מען דאס אבער איין? אלע געלד - הכנסות האבען זיך אויסגעלאזט, קיין סובסידיומס פון די קאמונאלע אינסטיטוציעס און פון דער יודישער קהלה זענען נישטא. די געזעלשאפט איז גלייכגילטיג צו אזאלכע ערשיינונגען, עס ארט זיי נישט, דער בעסטער אויסרייד איז: „איך בין נישט קיין כלל-טהוער, זאלען זיך דערמיט פערנעמען די פאטענטירטע טהוער“.

עס איז אבער א פערברעכען אזוי צו טראכטען, מיר מוזען געדענקען, אז דאס קינד איז דאס טייערסטע וואס מיר פערמאגען אויף דער וועלט און נאכמעהר מוזען מיר זיין געווארענט פאר די ארימע קינדער, הזהרו בבני עניים. מיר מוזען געדענקען, אז אויך מיר האבען קינדער און אויב אונזערס א קינד זאל חלילה נישט געזונט ווערען, ווענדען מיר אן אלע מיטלען, כדי דאס קינד צו ראטעווען.

דאס ארימע יודישע קינד נויטיגט זיך אין רעטונג, זייערע עלטערן געהן אויס פון צער זעהענדיג ווי זייערע קינדער ליידען און קאנען זיי נישט העלפען.

מיר מוזען זיי ראטעווען, מיר מוזען מיט אונזערע קליינע גראשענס ראטעווען די הונדערטער קינדער פון אונטערגאנג.

די לייטונג פון „דאבראטשינאשטש“ ווענדעט זיך צו דער גאנצער יודישער געזעלשאפט מיט'ן הייסען אפעל, אז ווער עס האט נאר די מעגליכקייט זאל שענקען פערשידענע שפייז-פראדוקטען ווי רייז, בעבעלעך, מעהל, צוקער, פוטער, אייער אז"וו, וואס מען קען אריינשיקען אין דער קאנצעלאריע פון יודישען שפיטאל פאר די זומער-קאלאניעס, אדער אויב ס'איז וועמען בעקוועמער, קען מען עס אבטראגען אין דער וואוינונג פון פרוי וויעזשביצקא.

זאל יעדער צוטראגען זיין חלק, זאל יעדער געבען זיין צושטייער פאר דער גרויסער הייליגער ארבייט, פאר די ארימע יודישע קינדערלעך.

די צייט איז שווער און גרויזאם. א וועלט געהט אונטער, מען מוז אבער ראטעווען דעם טייערסטען אוצר, וואס מיר פערמאגען, אונזערע קינדער.

ש. פ.

PANNA do dziecka
poszukuje pracy, możliwie
na letnisko.
Wiad. w redakcji.

„אנשטאט בלומען“.

עס איז שוין אויסגעקומען פיעל מאל אויפמערקזאם צו מאכען אויף דעם נישט-ריכטיגען מנהג, וואס איז אנגענומען ביי אונז, איבערהויפט ביי די מעהר אינטעליגענטע, אז בשעת א וועלכער ס'איז שמחה, אדער ביי א אומגליק ווערט אויסגעדריקט דורך די נאהנטע זייער אנטייל אין דער פרייד אדער ליידען דורכ'ן שיקען בלומען.

אין פיעל פאלען בעטרעפען די בלומען בעדייטענדע סומעס און מיר האבען אנגעוויזען אז עס איז אהן ספק פיעל וויכטיגער די דאזיגע געלדער, וואס מען גיט אויס אויף בלומען צו שפענדען אויף א וואוילטעטיגען צוועק, פון וועלכע עס זאלען געניסען די ארימע און אונטעדריקטע וואס נויטיגען זיך אין הילף און אונטערשטיצונג.

עס איז איבריג צו זאגען ווי גרויס עס איז היינט צו טאג די נויט און הונדערטער יודישע פאמיליעס, וועלכע וואלטען זיך מיט די דאזיגע אוננויטיגע אויסגאבען דערקוויקט זייערע פערשמאכטע הערצער און אזוי די מנדבים ווי די פריינד זייערע וואלטען געוואוסט אז דאס געהט נישט לאיבוד דורך א אונזיניגען לוקסוס.

דאס פערסאנאל פון דער היגער יוטע - פאבריק „ווארטא“ האט זיך געשטעלט אויף דעם דאזיגען זעהר ריכטיגען שטאנדפונקט און ווילענדיג בעעהרען דעם אנדענק פון דער פערשטארבענער פרוי בזשעזשינסקא און אויסדריקען זייער אנטייל צום מאן און פאמיליע האבען זיי אנשטאט קרענץ אריינגעטראגען צו אונז אין רעדאקציע די סומע פון 103 זל. אויף וואוילטעטיגע צוועקען.

דער דאזיגער ריכטיגער טהאט דארף דיענען אלס מוסטער פאר אנדערע, אז אנשטאט בלומען זאל מען אין די היינטיגע שווערע צייטען בעסער מיט דעם געלד שטיצען די נויטבעדערפטיגע.

יודישער הילפס - קאמיטעט פאר קריזיס-געליטענע.

אויפ'ן גרונד פון בעשלוס פון דער עקזעקוטיווע פון יודישען הילפס-קאמיטעט פאר קריזיס-געליטענע פון 5-טען מאי 1932, האבען מיר אונטערגעשריבענע מיטגלידער פון דער רעוויזיאנס-קאמיסיע אדורכגעפיהרט א גענויע קאנטראל דעם 6.5, 8.5, 16.5 און 22.5 פון די ביכער פון קאמיטעט פאר דער צייט פון 1 נאוועמבער 1931 ביז'ן 1 מאי 1932 מיט די בייגעלעגטע דאקומענטען, דהיינו: די פראטאקאלען פון די זיצונגען, אינקאסא - קוויטאריושען, אויסצאהל-אסיגנאציעס, הכנסה פון די אימפרעזעס, זאמעל - ליסטעס און די איינגעפלאסענע נדבות פאר דער צייט. מיר האבען געפונען אלע פאזיציעס אין הסכם מיט די בעוויז - קוויטונגען, דערביי האבען מיר פעסטגעשטעלט, אז די הכנסות אויפ'ן 1 מאי שליסען זיך אב מיט א סומע פון 10.051.74 זל. און די הוצאות בעטרעפען 10.497.39 זל. די סאלדא אין מזומנים און אין באנק בעטרעפט 554.35 זל.

א חוץ דעם זענען ערהאלטען געווארען פון קאמיטעט פאר ארבייטסלאזע ענינים 170 קערץ קארטאפעל און 2 הונדערט קערץ קויהלען, ווי אויך 20 קערץ קויהלען פון ה' א. סאיקא פון ווארשא, וועלכע זענען פערטיילט געווארען לויט די אנווייזונגען פון דער פערטיילונגס-קאמיסיע ביים קאמיטעט.

טשענסטאכאוו 22 מאי 1932.

(—) ל. סאיקא

(—) וו. זשעריקער

(—) י. ענגעל.

פון יודישען טעאטער.

„אזעף“ און „פרנסה“ אויפגעפיהרט דורכ'ן ווארשאווער יודישען דראמאטישען טעאטער.

מיר האבען געהאט באמת א גייסטיגען יום טוב זעהענדיג די 2 דערמאנטע אויפפיהרונגען.

א ז ע ף. א שטיק לעבעדיגע געשיכטע פון דער נאהנטער פערגאנגענהייט, וואס האט אויפגעטרייסעלט נישט בלויז דאס אלטע צופוילטע רוסלאנד נאר אויך די גאנצע וועלט האט מיט שטוינונג און בעוואונדערונג זיך צוגעקוקט צו די געשעהענישען, וואס די אונטערערדישע רעוואלוציאנערע ארגאניזאציע פון די עס ער'ן האבען אבגעטהון מיט די רוסישע סאטראפען בענוצענדיג טעראר.

די העכליכסטע פערזענליכקייטען האבען געהערט צו דער געהיימער טעראר ארגאניזאציע און דארט האט זיך אריינגעריסען אזעף, וועלכער האט געשפילט א דאפעל ראלע זייענדיג דער אנפיהרער ביי די רעוואלוציאנערען האט ער גלייכצייטיג געדינט דער אכראנע און ארויסגעגעבען די רעוואלוציאנערען דער אכראנע, ביז בורצעוו האט איהם ענטדעקט און געמאכט א סוף צו זיין העסליכען שפיל.

מאנסדארף, דער יונגער טאלאנטפולער ארטיסט האט פרעכטיג פערקערפערט אזעף'ן, דעם ביז איצט נאך נישט געננוי אויסגעפארשטען טיפ, אין וועלכען עס האט זיך קאנצענטרירט אזוי פיעל געגענזעצליכע כאראקטערשטריכען. קיין בעסערען אזעף קען מען זיך נישט פארשטעלען.

פרוי וויטאלינא, א הערליכער טיפ פון די „באבושקא“ ברעשקא ברעשקאווסקא. אונזער הארציגע קלארא סעגאלאוויטש, ווי בעחנט איז זי אפילו אין דער קליינער ראל פון ווארא, אויך די איבריגע טיפען, ווי וויערא פיגנער, (לוריע שפיגעל) זילבערבערג (גארבארזש) קאלאיעוו (קאהן) זובאטאוו (מאנדעלבליט). א פרעכטיגען טיפ האט געשאפען ה' לעמבערגער אלס פלעווע, אויך קורלענדער האט פרעכטיג אוועקגעגעבען דעם טיפ בורצעוו, גוט זענען אויך געווען פאזנאנסקי אלס דעוויאטקין, און בירנבוים — אלס גערשוני.

אזעף איז געווען א קונסט פארשטעלונג וואו אלע אנטיילנעמער האבען געשאפען א הארמאנישען צוזאמענשפילן און האט געמאכט א קאלאסאלען איינדרוק.

היינט פרייטאג איז די לעצטע פארשטעלונג פון אזעף און אלע וועלכע האבען נאך נישט געזעהן מוזען עס זעהען!

פ ר נ ס ה. א פיינע קאמעדיע, וואס איז א שטיק אמת, ווארום „וואס טהוט דען נישט א יוד צוליב פרנסה“...

אנ'ארבייטער עפענט זיך א געוועלב, פערשטעהט זיך אין אמעריקא, (ביי אונז קען צו דעם קיינמאל נישט קומען) וויל אבער קיינער נישט קויפען, אלע לויפען גיכער אין דער שכנישער קראם, וואס געהער צו א שעהנער יונגער אלמנה, לאין ברירה, מוז דאס יונגע ווייבעל פון געוועלב-סוחר יונה בוים אויך ווערען אנ'אלמנה... און ערשט דאמאלס הויבט זיך אן די שפע, וועלכע ווערט פערוויקעלט אין פערשידענע קאמפליקאציעס.

א הערליכע קאמעדיע מיט פיל איינפאלען, טריקען און שפאנונג.

קלארא סעגאלאוויטש איז זיס און ב'חנט. שפילט נאטירליך און הארציג, זינגט הערליך און טאנצט אויך נישט שלעכט. מאנדעלבליט אלס יונה בוים איז גוט. גאר א פיינער טיפ איז קורלענדער אלס דער אלטער יחזקאל. לוריע שפיגעל איז אנ'אלמנה וואס קען אריינציהען קונים... וויטאלינא אלס די אלטע איז גוט, גוטע טיפען האבען אויך געשאפען גארבאזש אלס דער פריזירער, לעמבערגער אלס דער ספארטסמאן און פאזנאנסקי אלס דער „שטארקער“, א הערליכען טיפ האט געגעבען י. בירנבוים אלס דער מארקסיסט מיט דער פראלעטארישער פלאטפארם.

די דעקאראציעס האבען מיטגעהאלפען צום ערפאלג.

בכלל האבען די 2 פיעסען, וואס זענען געשפילט געווארען דורך די יונגע קינסטלער פון ווארשאווער יודישען דראמאטישען טעאטער, געמאכט א אונגעהויערען איינדרוק אויף די צושויער, נאר, נאר ליידער מוז מען בעדוירען און צו אונזער חרפה זאגען אז דאס בעסערע טשענסטאכאווער טעאטער פובליקום איז נאך נישט דערוואקסען און האט נישט די פערשטענדניס פאר דאס שענע און גוטע.

שעם דיך טשענסטאכאווער פובליקום.

שין פיי.

קליינער פעליעטאן.

צי וועט זיין א מלחמה?

די טעלעגראפען אגענטורען גיבען איבער, אז אין מאנדזשוריע ווערט די די לופט אנגעגליהט פון דער נאהנטער מלחמה, וואס וועט א ליאדע טאג אויסברעכען צווישען יאפאן און סאוויעט רוסלאנד.

טענדעציעזע דייטשע שמועות זאגען, אז פוילען וויל פערכאפען דאנציג אז"וו. אנדערע טעלעגראמען מעלדען, אז די היטלעריסטען פערזאמלען זיך אין דאנציג און ווילען פראוואצירען פוילען.

אין אינדיען איז נאך אלץ נישט רוהיג און די טעלעגראפען אגענטורען דערצעהלען, אז א ליאדע טאג וועט דארט אויסברעכען א פארמעלע שלאכט, ווידער מלחמה.

די יאפאנישע מיליטערישע ארגאניזאציע, ארבייט מעשים און האט זאגאר אוועקגעהרג'ט דעם פרעמיער מיניסטער אלס פראטעסט געגען די פרידליכע פאליטיק, וואס זיי פיהרען לגבי די כינעזער און זיי פאדערען דורכאויס מלחמה.

אין גאס הערט מען און רעדט נאר וועגען דער קינפטיגער מלחמה, וואס דארף א ליאדע טאג אויסברעכען. און דעם אמת מוז מען זאגען, אז נישט קוקענדיג אויף די גרוילִיכקייטען, וואס די לעצטע וועלט מלחמה, האט מיט זיך געברענגט, שרעקט עס די מענשהייט נישט אב. אדרבה, זאל זיין מלחמה! א סוף זאל עס נעמען. אייידער צו לעבען אין אזא פערגליווערטען צושטאנד, זאל זיין מלחמה. — און די פראגע איז אבער פארט אקטועל: צי וועט זיין מלחמה?

אין אונזער היימיש וועלטיל.

אין היגען קליינהענדלער-פעראיין קאכט זיך שוין א היבש בינטעל יאהרען מיט מחלוקת, אינטריגעס, פערזענליכע אמביציעס און קליינליכע און גרעסערע חשבונות.

פרעזעסען האט מען אראבגעווארפען און פרעזעסען האט מען געוועהלט. „זשעטשא זנאוועס“ מיט סקארב-זיצער האט מען בעשטימט. און באלד האט מען געהאט צו זיי פרעטענסיעס. (און אפשר, נישט אפשר, נאר צו טהייל פון זיי ריכטיגע) און זיי קריטיקירט און טאקע בעשטימט אנדערע אויף זייער ארט.

לעצטענס האט די איבערגעבליבענע פערוואלטונג, קאאפטירט עטליכע היגע כלל טהוער. (וואס אמת, איז אמת. ארענטליכע, גאהר ארענטליכע מענשען זענען זיי, דאס זענען אלע, אפילו די געגנער מודה) וועלכע זאלען איינמאל פאר אלעמאל אוועקשטעלען דעם פעראיין אויף דער געהעריגער הויך. דאכט זיך א פשוט'ע אונשולדיגע זאך, אבער דאס דאזיגע איז טאקע געווען די סיבה פאר אויפברויז, פאר אנהויבען א קאמף, פאר פלאטקעס און רכילות.

פרעגט זיך, וועט טאקע אין דער קליינהענדלער מחנה אויסברעכען א ברידער-קריג? — א מלחמה?

אין די ציוניסטישע רייהען ווערט די מחיצה צווישען די אלגעמיינע ציוניסטען און די רעוויזיאניסטען אלץ גרעסער און גרעסער. די ציוניסטען בעשולדיגען די רעוויזיאניסטען אין אנטי-ציוניסטישע טעטיגקייט. קומען צו געהן די רעוויזיאניסטען און ווארפען דאס פאר, נאר נאך מיט מעהר שארפקייט די ציוניסטען.

צי וועט באמת אין די דאזיגע רייהען אויסברעכען א מלחמה?

א בעפעהל איז ארויס פון היגען ראש-הקהל, אז די קהלה-בעאמטע זאל רעדוצירט ווערען מיט 15 פראצ. זייער פענסיע.

די שוחטים און אנדערע בעאמטע האבען זיך אנגעהויבען בונטעווען, פארוואס? פאר ווען? איבריגענס—טענה'ן זיי—האט מען דאך אונז געדארפט פרעגען, זיך מיט אונז בעראטען און דא גארנישט, מען וויל אונז שטעלען פאר א געשעהענעם פאקט, זה לא, מיר ווילען זיך נישט לאזען, מיר זענען גרייט צו פערשטרייקען, מיר וועלען נישט שחט'ן, זאלען זיי זיך אליין שחט'ן...

מיט די שוחטים האלטען מיט אלע אנדערע אנגעשטעלטע און מיט רעכט שטעלט זיך די פראגע צי וועט באמת צווישען די קהלה בעאמטע מיט'ן פרעזעס אויסברעכען א מלחמה?

די פרנסות ווערען פון טאג צו טאג אלץ שוואכער, די בעלי בתים ווילען אבער נישט אראבלאזען פון דירה-געלד, פערקעהרט, זיי האלטען אז זיי נעמען נאך צו ווייניג געלד.

ווי לאנג וועט דאס מעגליך זיין צו צאהלען, און אויב עס וועט שוין נישט זיין צו צאהלען (שוין נישט לאנג צוווארטען) וואס וועט דאמאלס זיין, צי וועט אויף דעם געביעט נישט אויסברעכען א מלחמה?

די פערוואלטונג פון די עלעקטרישע אבאנענטען האט פראקלאמירט א מלחמה געגען די עלעקטראווניע, דערווייל האט עפעס אין דעם גאנצען „מלחמה“ אפאראט געפלאצט א שרייפעל און אין די פערוואלטונג אליין איז עפיס ארויסגעקומען א מלחמה, אזוי אז מען ווייסט נישט צי עס קומט יא פאר א שטרייק אדער נישט, איך זאג דאס קלאר, אז טראץ די שארפע רעזאלוציעס, וואס איז אנגענומען געווארען אויף דער לעצטער פערזאמלונג פון די אבאנענטען וועגען פערשארפען דעם שטרייק, ווייסט מען נישט צי עס וועט זיין מלחמה אדער נישט?

אין דער קהלה ווייסט מען נישט, צי עס וועט שוין זיין אזוי ווי עס איז, אז עס וועט בלייבען אזוי ווי עס איז איצט (שוין די העכסטע צייט דערויף) צי עס וועט ווידער אנדערש ווערען און עס וועט ווידער זיין א מלחמה?

— — —!

איך האב דעם פעליעטאן מיט'ן אויבענדערמאנטען קאפ אוועקגעגעבען צום זעצען.

דער זעצער האט א נעם געטהון דעם מאנוסקריפט, א קוק געטהון אויפ'ן קאפ און באלד האט ער א גלאץ אויסגעטהון אויף מיר זיינע אויגען, וואס זענען געווען פול מיט שרעק, וועלכע האבען גערעדט און געפרעגט:

צי וועט באמת זיין א מלחמה?

סמאל.

וואהלען פון א וויצע-פרעזעס פון קהלה - ראט.

אויף דער לעצטער וואהל-זיצונג פון דער קהלה איז, ווי מיר האבען זיינער צייט מיטגעטיילט, אויסגעוועהלט געווארען אלס וויצע - פרעזעס פון ראט דער אבוועזענדער פרנס ה' נתן קאהן, וועלכער האט אבער דעם דאזיגען מאנדאט נישט אגגענומען.

צוליעב דעם האט די אויפזיכטס-מאכט צוגעשיקט צו דער קהלה א פעראָרדנונג אז דינסטאג דעם 7 ד. ח. זאלען פארקומען וואהלען פון א וויצע פרעזעס פון קהלה-ראט.

פון בית"ר.

שבת דעם 28 ד. ח. איז אין אייגענעם לאקאל (אלעע וואלנאשטשי 38) פארגעקומען א אסיפת הקן אויף וועלכען ס'זענען געווען אנוועזענד 120 מאן.

עס רעפערירט דער אח מפקדה גליקסמאן וועגען דעם שוץ פראבלעם, דאן דער אח מפקדה זעלצער וועגען מושבת קיץ, די קאמיסיע פיהרט א לעבהאפטע ארבייט, אויך איז געשאפען געווארען א קאמיסיע פאר די עליה קאאפעראציע.

דעם זעלבען טאג אויף דער נאכט איז פארגעקומען א נשף פרידה אין צוזאמענהאנג מיט'ן אבפאהר פון 6 בית"רים אויף הכשרה נאך לוצק. ביי א ספעציעלע אויפנאהמע געווידמעט דעם אבפאהר פון די אחים עפענט דעם נשף דער אח מפקדה זעלצער, ווי ער רעפערירט די בעדייטונג פון הכשרה בכלל און פאר'ן בית"ר בפרט. אין נאמען פון די ביתר הכשרה האבען געענטפערט די אחים קאנטאר און אראנאוויטש. צום סוף ווינשט דער אח מפקדה גליקסמאן די אברייזענדע א פרוכטבארע ארבייט אין זייער ביתר'ישען אידעאל פאר ציון. אין א געהויבענער ערנסטער שטימונג ענדיגט מען דעם נשף מיט זינגען פון התקוה.

עס איז כדאי אונטערצושטרייכען אז עס איז די ערשטע גרופע הכשריסטען פון ארטיגען קן.

נ. פ.

פון „הרצליה".

פון שבת דעם 28 מאי, איז דער ניי-געגרינדעטער לאקאל פון „הרצליה" („איראן" קאשציושקי 16) געווארען טעטיג און דער סעקרעטאריאט נעמט אן יעדען אווענד פון 8—10.

לויט די לעצטע אויסרעכנונגען פון דער צענטראלע פון קרן קימת לישראל איז דער בעשטאנד פון די זאמלונגען לשובת קק"ל פאר'ן ערשטען האלבען יאהר פון תרצ"ב פאלגענדער:

1) אלגעמיינע ציונים 32,193 זל. געזאמעלט אין 167 שטעדט. 2) השומר הצעיר 92,105 זל. אין 96 שטעדט. 3) בית"ר 18,514 זל. אין 132 שטעדט. 4) הרצליה—השומר-הלאומי 13,682 זל. אין 39 שטעדט. 5) החלוץ 12,226 זל. אין 107 שטעדט. 6) גורדוניה 8,812 זל. אין 50 שטעדט. 7) החלוץ הצעיר 5,943 זל. אין 50 שטעדט. 8) צעירי מזרחי 900 זל. אין 37 שטעדט. 9) התאחדות 4,817 זל. אין 54 שטעדט. 10) פרייהייט 3,770 זל. געזאמעלט אין 55 שטעדט.

עס איז כדאי צו בעמערקען דאס אין דער צייט ווען אנדערע ציונ. יוגענדליכע ארג. האבען געזאמעלט אין 132 שטעדט קוים א סומע פון 18,682 זל. האט די „הרצליה" פעראייניגט מיט'ן „השומר הלאומי" געזאמעלט אין 39 שטעדט די גרויסע סומע פון 13,682 זל.

מיש.

פון דער רעוויזיאניסטישער ארגאניזאציע אין טשענסטאכאוו.

מאר.ען שבת דעם 4 יוני וועט אין אייגענעם לאקאל אלעע וואלנאשטשי 38, פארקומען א „שיחת חברים" 4 אזייגער נ"מ א. ד. ט. „וויצמאן אין דער ראל פון א... רעוויזיאניסט". מיט דער בעטייליגונג פון די חברים א. איצקאוויטש, מ. רוזשעוויטש, אינזש. פייגין, ל. קאפינסקי א. א.

חברים און סימפאטיקער ווערען געבעטען צו קומען.

באלעסלאוו קאהן אין טשענסטאכאוו.

די נאהנטסטע פרעמיע אויפ'ן שאפען-קאנקורס נאך אימרי אונגאר (די דריטע לויט דער רייהע) האט ווי בעוואוסט בעקומען באלעסלאוו קאהן, אגב דער ערשטער פוילישער אנטיילנעמער אינ'ם קאנקורס.

די ווארשאווער פרעסע איז בעגייסטערט פון קאהנ'ס קאנצערטען אין דער „פילהארמאניע". אפילו אזא אויסגעשפראכענע אנטיסעמיטישע צייטונג ווי די „גאזעטא ווארשאווסקא" מוז מודה זיין אין קאהנ'ס גרויסען טאלאנט, וועלכער האט, מיט די ווערטער פון דער צייטונג לעבעדיג געמאכט דעם טויטען אינסטרומענט — דעם פארטעפיאן.

טשענסטאכאוו וועט דעם 12 ד. ח. האבען די געלעגענהייט צו בעגריסען דעם גרויסען קינסטלער און בעוואונדערן זיין טאלענט.

קאהנ'ס קאנצערט אין פייערלעשערזאל איז אהן ספק די גרעסטע אטראקציע פון די לעצטע טעג.

פרייזען פון די בילעטען פון 1 זל. און העכער.

„אזעף".

היינט, פרייטאג ווערט געגעבען דורך דעם ווארשאווער יודישען דראמאטישען טעאטער צום לעצטען מאל אין טעאטער „קאמעראלני" די זעהר-אויסגענומענע פיעסע „אזעף", וואס איז געשפילט געווארען עטליכע חדשים כסדר אין ווארשא מיט'ן גרעסטען ערפאלג.

אויך אין טשענסטאכאוו האט די דאזיגע פיעסע געמאכט א קאלאסאלען איינדרוק אויף די צושויער און דער עולם האט געשטורעמט מיט אפלאדיסמענטען.

היינט ווערט צו ביליגע פרייזען געשפילט צום לעצטען מאל „אזעף".

די, וואס האבען נאכנישט געזעהן די פיעסע, דארפען אויסנוצען די היינטיגע געלעגענהייט.

מעלדונג.

די אלע, וואס בעזיצען בילעטען אויף דער פאנטען-לאטעריע פון השומר הצעיר לטובת קרן בנדין, אז די ציהונג פון דער לאטעריע קומט פאר פרייטאג דעם 10 יוני אין קעלץ. נישט בעצאהלטע בילעטען וועלען נישט גענומען ווערען אין אכט.

רעם צווייטען טאג שבועות — א גרויסע גארטען-פערוויילונג.

די ארגאניזירונג פון דער גארטען-פערוויילונג פאר די פרץ-שולען וואס וועט פארקומען שבת דעם 11 יוני איז אין פולען גאנג. ביז איצט איז שוין געזאמעלט געווארען א גרויסע פאנטען-לאטעריע פון זעהר ווערטפולע זאכען. די ארגאניזאטארען טרעטען אויך שוין צו איינשאפען אנ'אייגענעם בופעט.

די גארטען-פערוויילונג האט ארויסגערופען א גרויסען אינטערעס אין שטאדט. די גרויסע צאהל בילעטען, וואס איז ביז איצט שוין פערשפרייט געווארען, ווי אויך די פיעל ארגאניזאטארען, גיט א זיכערע גאראנטיע, אז די פערוויילונג וועט האבען דעם פערדינטען ערפאלג.

„אונזער הילף".

צווייחאנאטליכער זשורנאל פון געגענד-קאמיטעט „יעקאפא" אין ווילנע פאר אלע ענינים פון הילף און אויפבוי.

ערשינען דער נומ. 1—2 (יאנואר—אפריל) פון יאהר 1932 מיט א רייכען פערשידענארטיגען אינהאלט:

גייסטיגע געפאלענקייט און עקאנאמישער קריזיס. — פערטע קאנפערענץ פון „יעקאפא". — בעוועגונג פון די גמילת - חסדים - קאסעס אין אונזערע שטעדט און שטעדטלעך. — יתומים-פערזארגונג, קינדער-הילף און פאך-בילדונג. עמיגראציע-ענינים. איבערוואנדערונגען און קרובים-פערבינדונג. יורידישע אבטיילונג א"א.

5 און א האלב דרוק-בויגען. פרייז 1.25 מיט פארטא.

Red. „Unzer Hilf", kom. „Ekopo
Wilno, W. Oohulanka 9
P. K. O. 80.312

א בריעף אין רעדאקציע.

ג. ה' רעדאקטאר!

ערלויבט אונז אויף די שפאלטען פון אייער חשוב'ער צייטונג נעבען פאלגענדע ערקלערונג:

אין גאס האט זיך דעם פערגאנגענעם מיטוואך פערקויפט א בלימעל פאר א גמילת חסד קאסע, ערקלערען מיר אז אין דער גאנצער 9 יעהריגער טעטיגקייט פון אונזער גמילת חסד קאסע האבען מיר קיין שום בלימעל טאג נישט איינגעארדענט און במילא האבען מיר צו דעם אויבענדערמאנטען בלימעל טאג קיין שום שייכות נישט.

מיט דרך ארץ

די פערוואלטונג פון דער גמלת-חסד קאסע פילסודסקי 27.

פון ספארט.

ספארט - שפילען.

פערגאנגענעם שבת האבען זיך געטראפען די היגע יודישע ספארט-קלובען „יוד. טורן-ספארט-פעראיין" און „ווארטא". דער מעטש האט צוגעצויגען א זעהר גרויסע צאהל צושויער און ער האט זיך געענדיגט: אין נעץ - באל זשטגס1—ווארטא1 14:30 לטובת זשטגס. אין קארב-באל האט ווארטא1 בעזיגט זשטגס1 7:18 און ווארטא2 געווינט ביי זשטגס2 4:25.

פוטבאל.

קראקא—טשענסטאכאוו 3:2. צום ערשטען מאל איז די היגע רעפרעזענטאנץ ארויסגעטרעטען אהן יודישע שפילער, דאגעגען מיט געבארגטע זאוויערטשער שפילער. קראקא איז בעשטאנען פון ליגע-שפילער און אויך 2 שפילער פון דער פוילישער מאנשאפט אויף דער מכבי'אדע. קראקא, אלס דאס וויגעל פון פוטבאל האט דעמאנסטרירט א הערליך טעכניש שפילען און נישט געיאגט זיך נאכ'ן זיעג, מיט וואס זיי האבען שטארק אויסגענומען ביים 2 טויזענד קעפיגען עולם. שידס-ריכטער ה' אינזש. מייער זעהר גוט.

קינדער-יום-טוב.

איבערמארגען זונטאג 4 נאכמיטאג קומט פאר אויפ'ן ספארט - פלאץ פון זשטגס א קינדער-ספארט-פעסט, וואו ס'נעמען אנטייל 50 קינדער פון זשטגס פון 6 ביז 12 יאהר. אינ'ם פראגראם: לויפען, שפרינגען, ווארפען, גימנאסטיק און שטאפעטען-לויף. דערנאך פריזען-פערטיילונג. מיט'ן דאזיגען ספארט-יום-טוב דארפען זיך פעראינטערעסירען די מוטערס פון אלע שיכטען, אום זיך צו בעקענען מיט דער וויכטיגער בעדייטונג פון ספארט פאר די קינדער.

נדבות אין רעדאקציע.

אנשטאט קרענץ פאר דער פערשטארבענער גיטל בזשעזשינסקא ה' באריס גורעוויטש 25 זל. פאר זומער-קאלאניעס.

דאס פערסאנאל פון דער יוטא-פאבר. „ווארטא" 28 זל. פאר'ן יוד. שפיטאל. 25 זל. פאר „בית לחם", 25 זל. פאר לינת הצדק. צוזאמען 103 זל.

די דערמאהנטע געזעלשאפטען דארפען קומען אין רעדאקציע מיט די געהעריגע קוויטונגען.

פון „בית לחם".

אין צוזאמענהאנג מיט דער שבועות-אקציע ארדענט איין דער „בית לחם" דעם נעכסטען מאנטאג א בלימעל-טאג לטובת די אבגעקומענע פאמיליעס.

ס'איז א הייליגע פליכט פאר יעדען יוד די דאזיגע אונטערנעהמונג געהעריג צו שטיצען.

קאמוניקאט.

דער רעארגאניזיר-קאמיטעט פון דער היגער ציוניסטישער ארגאניזאציע איז מודיע, אז אנהויבענדיג פון 1-טען יוני געפינט זיך דער לאקאל פון דער ארגאניזאציע אויף אלעע קאשציושקי 16 (פאבריק „איראן"). דער סעקרעטאריאט איז טעטיג טעגליך פון 8.30 ביז 9.30 אווענד אויסער פרייטאג און שבת.

די אלגעמיינע פערזאמלונג פון די חברים וועט פארקומען זונטאג, דעם 12-טען יוני מיט דער בעטייליגונג פון חבר אדוו. א. הארטגלאס, וועלכער וועט דעם זעלבען טאג האלטען א רעפעראט אין אונזער שטאדט.

חברים און סימפאטיקער, וועלכע האבען נאך נישט אונטערגעשריבען קיין נייע דעקלאראציעס, ווערען געבעטען ווי אמשנעלסטען זיך צו מעלדען אין סעקרעטאריאט. גלייכצייטיג ווערען די חברים געבעטען תיכף אויסצוקויפען די מיטגלידס-קארטען פון צענטראל-קאמיטעט, כדי זיי זאלען צוגעלאזט ווערען צו דער אלגעמיינער פערזאמלונג.

אין הסכם מיט דער אויפפאדערונג פון ציוניסטישען צענטראל-קאמיטעט, הויבט די היגע ציוניסטישע ארגאניזאציע אן צו רעגיסטרירען אין די אמטשעה'ן פון סעקרעטאריאט פערזאנען, וועלכע ווילען בעקומען סערטיפיקאטען קיין ארץ ישראל.

וועגען אפיציעלען חנוכת-הבית, אין וועלכען עס וועט זיך בעטייליגען חבר דר. יצחק שיפער מצד דעם צענטראל-קאמיטעט, וועט בעזונדער געמאלדען ווערען.

דער רעארגאניזיר-קאמיטעט.

קאמוניקאט.

אזוי ווי ביי אונז אין שטאדט עגזיסטירט א קליינהענדלער פעראיין נישט קיין אבטיילונג פון דער ווארשאווער צענטראלע נאר אלס קאראספאדענט. די צענטראלע איינזעהענדיג, אז זי האט לעצטענס נישט קיין איינפלוס אויף דעם פעראיין, האט די היינטיגע וואך געעפענט ביי אונז אין שטאדט א אפטיילונג, וועלכע רופט זיך צענטראלער קליינהענדלער פערבאנד אין פוילען אפטיילונג אין טשענסטאכאוו.

דעריבער פאדערען מיר אויף דעם היגען קליינהענדלער פעראיין, פון היינטיגען טאג זיך מעהר נישט צו בענוצען מיט דרוקעס און סטעמפלען מיט דער פירמע פון צענטראלען קליינהענדלער-פערבאנד.

אין נאמען פון דער פערוואלטונג פון צענטראלען קליינהענדלער-פערבאנד אין פוילען אבטיילונג אין טשענסטאכאוו

חיים וויינשטאק.

רייזע-פלאן

גילטיג פון 22 מאי 1932.

קומען אן

פון ווארשא: 0.34* 1.47* 2.45 4.44 5.55 10.55* 14.47* 19.20 19.49* 20.53*
פון קראקא: 0.02 3.02 4.35 459* 13.56 17.16* 20.11*
פון קעלץ: 7.45 19.17
פון קאלושקי: 16.53
פון קאטאוויץ: 0.02 2.12* 3.02 7.30 9.25* 10.45 13.56 16.45 19.05 4.35
20.11* 21.50
פון הערבי: 7.41 9.22 16.58
פון לובליניעץ: 13.23 20.43
פון לאדז דורך זד.-וואלא און הערבי 22.50
פון ראדאמסק: 7.33

„טשענסטאכאווער צייטונג"

געהן אב

קיין ווארשא: 0.10 2.17* 3.08 5.05* 5.45 9.30* 14.05 17.19* 19.25 20.12*
קיין קאטאוויץ: 1.52* 2.53 4.50 7.50 10.58* 11.10 13.35 14.55 17.50 19.56*
20.05 22.05
קיין הערבי: 6.15 19.40 23.05
קיין לובליניעץ: 9.45 17.25
קיין קראקא: 0.40* 2.53 10.58* 13.35 14.55 20.59*
קיין קעלץ: 6.10 14.52
קיין לאדז דורך הערבי און זד.-וואלע: 14.15
קיין קאלושקי: 8.25

JENNY LIND

היינט! קינא און רעווי!
ריהרענדע דראמא, געשטיצט אויף דער אמת'ער פאסירונג מיט דער שוועדישער ארטיסטין
אין דער הויפט-ראל: ג. מור פרימאדאנע פון מעטראפאליטאן-אפערע (זשאנעט מאקדאנעלדס געפעהרליכע קאנקורענטין. — אויף דער סצענע: נייע קרעפטען!
י. מאדזשארובנא, פערובנא, סולימא, לאסקאטא און פאטקאוסקי-דועט אין נייעם פראגראם.

„Grand-Kino"
קאשטשושקי גאס.
לעצטער סעאנס 9.40 אוו.
קרוזעסלא 1 זלאטי.

היינט פרייטאג דעם 3 יוני — פרעמיערע פון נייעם הערליכען פאקס-פילם
KWIAT ALGIERU
ראמאנטישע צופאלען פון א פארל געליבטע אין אפריקע. פיפי דארסיי, האראלד מוריי
אין די הויפט-ראלען. קלאנג-אקטואליטעטען איבער'ן פראגראם. קרוזעסלא אויפ'ן 1 סעאנס 70 גר.
דער הערליכער פילם „אוועק מיט ליבע" ווערט געגעבען מארגען שבת 12 מיטאג. אלע פרייזען צו 50 גר.

Teatr „ODEON"
אלעע 27.
לעצטער סעאנס 10 אווענד.
אויפ'ן 1 סעאנס קרוזעסלא 70 גר

נאטאליא קאוואנקא און מיקאליי קאלין אין הערליכען פילם
ZALOTNY KSIĄŻĘ
חוץ דעם איבער'ן פראגראם: „אפערטע פון די פרייע האנד". בילעטען פון 50 גר.
STUDENT Z PRAGI
שבת און זונטאג האלב 1 נאכמיטאג-סעאנסען פון הערליכען פילם

ערשטער מוסטער-האפטער
קלאנג-קינא
Nowości
לעצטער סעאנס 9.30 אווענד.
היינט און ווייטערע טעג.

Redaktor: Izrael Płockier — Wydawcy: B. Bocian i I. Płockier — Druk. B. Bocian, Aleja 6